# דער וועקער

עורו ישנים משנתכם

ארויסגעגעבן דורכן מערכת
פונעם וועבזייטל ׳קאווע שטיבל׳

בס״ד
שנה א׳ גליון ד׳
אלול תשע״ו לפ״ק
Der Veker
Vol 1 No. 4
September 2016

$5



עוצו עצה:
וואס קענען מיר טון
צו פארבעסערן דעם
צוקונפט
פון אונזערע
קינדער?!



וואס
ווייסן דען די
וויסנשאפטלער?



וואס
מייקל פעלפס
לערנט אונז



דער לעגענדארער מלחמה העלד:
אלכסנדר מוקדון

# הויפט ארטיקלען


מדור
**'חדשות אני מגיד'**
עקסקלוסיוו ארטיקלען
צום זשורנאל
**5-55**

מדור
**'חדשים גם ישנים'**
לעצטיגע ארטיקלען אין
קאווע שטיבל
**56-57**

מדור
**'מן הגנזים'**
הערליכע ארטיקלען פון די טיפע
קעלערן פון **'קאווע שטיבל'**
**58-78**

עדיטאריעל
הפעם אודה את ה'
**5**

בריוו
צו די רעדאקציע
**10**








א פארמאכטע קינד
14


נשמה און באוואוסטזיניגקייט
16


מלך בשדה
20


א שמועס מיט א צומישטער יונגערמאן
39


וישא משלו
56


42
וואס מייקל פעלפס לערנט אונז


46
וואס איז דאס 'קענסער'.


58
אלכנסדר מוקדון



# ויהי חלקך ממזכי הרבים!

**צו נעמען א חלק אין די הוצאות פון**
**"דער וועקער" שיקט אייער ברייטהארציגע**
**נדבה צו אונזער פעיפאל אקאונט**
**info@derveker.com**

© All rights reserved
General comments: info@derveker.com
Design comments: picasso@derveker.com


קאווע שטיבל
א רואיג ווינקל
צו שמועסן און פארברענגען

דער וועקער
עורו ישנים משנתכם

**באקאנט-מאכונג:** די רעדאקציע וויל מיט דעם איינמעלדן פאר אירע לייענער, אז מיר נעמען נישט קיין שטעלונג אין די ארטיקלען וואס ווערן דא פארגעשטעלט, די ארטיקלען ווערן באשטימט לויט רוב חברים פונעם רעדאקציע, אבער פארט מוזן מיר נישט האלטן און מסכים זיין צו די נקודות, טראץ וואס מיר האבן פרובירט צו פארזיכערן אז ס'איז ראוי ארייננצוגיין אינעם זשורנאל. וכשם שאי אפשר לבר בלא תבן וכו'

# הפעם אודה את ה'

## עדיטאריעל




**א.**

די וואך אין די פרשה – פרשת שופטים, געפונען מיר א באקאנטע פסוק (דברים טז, כ): **"צדק צדק תרדוף למען תחיה"** וגו'. אלע מפרשים שטעלן זיך אויפן דאפלט לשון 'צדק צדק' תרדוף, און מיר וועלן דאס אויך פרובירן מסביר צו זיין.

אבער אין אמת'ן אריין דארפן מיר ענדערש ערקלערן פשט אינעם המשך הפסוק 'למען תחיה'. כדי צו לעבן דארפן מיר 'נאכלויפן' צדק? מיר דארפן זיך אויפפירן בצדק וביושר, און דאן לעבן מיר ווי עס דארף צו זיין, אבער נאלויפן צדק איז א תנאי פאר 'למען תחיה'?

***

מיר שטייען דא ביים טויער פון צוויי חדשים וואס גייען געקניפט און געבינדן, אלול און תשרי.

פון ווען דער שופר לאזט הערן דעם ערשטן געשריי פון א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, ווערט מקוים דער רמז פון א'ני ל'חוץ ו'מאוד ל'חוץ... דער עולם דרייט זיך ארום נערוועז און צוטראגן, מ'שטייט פאר די הייליגע טעג, מ'דארף תשובה טון, און ס'איז צרות ווי א בארג...

דאס איז שוין אין גוטן פאל, אין ערגערן פאל שפירט מען אז די 'פרעשור' דערפון איז צו שטארק, און מ'איגנארירט פשוט די פאקט אז ס'איז שוין אלול, ס'איז שוין די וואך פון סליחות, און ס'איז שוין גאר דער יום הדין. מ'האפט זיך שוין צו זען די אנדערע זייט טיר נאך די האלעפטשעס שמחת תורה, ושלום על ישראל.

וואס מאנכע פארזעען איז, אז עס איז דא איין יסודות'דיגער בולט'ער חילוק, אינעם טיטל וואס מ'געבט פאר חודש אלול לעומת'ן טיטל פאר חודש תשרי. אין די צייט וואס תשרי איז א

ירח האיתנים, און אירע טעג זענען ימי הדין, זענען אבער די אלול טעג 'ימי הרחמים והסליחות'. די חילוק צווישן זיי, איז די סיבה פארוואס מיר וואלטן געדארפט טאנצן אין די גאסן פאר שמחה, אום חודש אלול.

ווען איינער פאלט אריין אין געריכט, איז 'דין' דער שולט. מ'קען זיך נישט ארויסדרייען מיטן זאגן "איך גיי שוין זיין וואויל". שפעטער, זיי וואויל בעפאר מ'כאפט דיך, אז מ'כאפט דיך איז שוין ביטער. דאס מיינט דין. און ווען עס קומט אונזער יום הדין, ראש השנה אדער יום כיפור, זענען מיר שוין אין פעקל: **"יקוב הדין את ההר"** (מסכת סנהדרין ו' ע"ב), **"אין מרחמים בדין"** (מסכת כתובות פ"ד ע"א).

צו אונזער גוטן מזל, קענען מיר יא זאגן "איך גיי שוין זיין וואויל". דאס קענען מיר זאגן במשך א גאנצע מאנאט בעפאר די געריכט סעסיע הייבט זיך אן. אין חודש אלול קענען מיר פארמערן צו טון גוטס, און ווייזן א 'דזשעסט' פון אונזער זייט, אז מיר פלאנען טאקע זיך צו פארבעסערן. מיר קענען 'תשובה' טון – זיך אומקערן צום טאטן, און די 'ימי הרחמים' זענען טאקע דאס – טעג ווען די טויערן זענען אפן פאר יעדער וואס זאגט: 'האב רחמנות, איך גיי שוין זיין וואויל'.

דער וואס גייט צו צו דעם מיט א ריכטיגן בליק, פארפאסט נישט די ספעציעלע מתנה וואס הייסט 'אלול'. ווען א ריכטער געבט א מעגליכקייט גענצליך אוועקצונעמען די עונש, דורכן ארויסווייזן אז מ'פארבעסערט זיך שוין, וואלט קיינער נישט פארפאסט די געלעגנהייט! מ'וואלט זיך געפרייט צו אזא מאמענט, און מ'וואלט געזוכט וואס מ'קען נאר טון צו ווייזן פארן ריכטער אז מ'האט זיך שוין געלערנט א לעקציע, און מ'גייט שוין זיין וואויל מהיום ולהלאה.

אט דאס איז אלול: אני לדודי ודודי לי, מיר קענען יעצט ווייזן אונזער וויליגקייט צו טון גוטע טהאטן, און מיר ווייזן דאס פאר אונזער באליבטער פריינט, 'זה דודי וזה רעי', וואס וועט אונז זיכער שענקן אלדאס גוטס ווען ער שטייגט ארויף אויפן ריכטער'ס שטול, אום ראש השנה. דער אני לדודי סטיל בליק, דארף אונז צוברענגען צו שמחה, און נישט דאס פארקערטע.

*ווען א ריכטער געבט א מעגליכקייט גענצליך אוועקצונעמען די עונש, דורכן ארויסווייזן אז מ'פארבעסערט זיך שוין, וואלט קיינער נישט פארפאסט די געלעגנהייט! מ'וואלט זיך געפרייט צו אזא מאמענט, און אט דאס איז אלול: אני לדודי ודודי לי.*

יישר כח באשעפער פארן אונז צושטעלן אזא מעגליכקייט! **הפעם אודה את ה'!**

***

ווען מיר פארשטייען וואס די געדאנק וואס ליגט אונטער דעם איז, וועלן מיר דערהערן די טיפקייט פון די ווערטער "צדק צדק תרדוף למען תחיה". א יעדע נארמאלע מענטש לעבט מער-ווייניגער א לעבן פון צדק. ער איז א מענטש, פירט זיך מענטשליך, און פרובירט צו טון וואס פאסט פאר אן אנשטענדיגן מענטש. אבער א מענטש איז נאר א מענטש, און א מענטש באגייט טעותים, אסאך טעותים, און צומאל – פאטאלע טעותים.

דאס איז אבער נאר ווען א מענטש לעבט מיטן געווענליכן פארשטאנד אין 'צדק'. ווידעראום ווען א מענטש זוכט כסדר וויאזוי ער קען זיך אויפפירן נאך מער אויסגעהאלטן, ווען א מענטש לויפט נאך מידת הצדק והיושר ווי נאך א דיאמאנט, דעמאלס מאכט ער פיל ווייניגער טעותים.

מיטן פשוט'ן צדק לעבט מען טאג טעגליך, אבער דעם ריכטיגן צדק דערגרייכט מען נאר מיטן איר נאכיאגן, נאר מיטן 'צדק צדק תרדוף'. דער וואס פארלאזט זיך אויפן פשוט'ן אפטייטש פון צדק, באגייט פארט עוולות פון צייט צו צייט, אבער דער וואס לויפט כסדר נאך צדק, דער לעבט כסדר גענצליך אויסגעהאלטן.

וויפיל מער 'צדק' מיר לויפן נאך, אלס מער 'למען תחיה' איז דא. וויפיל מער מיר ווייזן א 'דזשעסט' פון זיין גוט און טון גוטס, אלס מער בינדן מיר זיך אן אינעם עץ החיים, און אלס מער ווייזן מיר פארן באשעפער אז 'מיר ווילן זיין וואויל'. דאן זענען מיר זוכה צום 'למען תחיה', דאן גייען מיר אריין בספרן של צדיקים, דאן ווערן מיר נכתב ונחתם בטבעת המלך בספר החיים.

*וויפיל מער 'צדק' מיר לויפן נאך, און וויפיל מער מיר ווייזן א 'דזשעסט' פון זיין גוט און טון גוטס, אלס מער בינדן מיר זיך אן אינעם עץ החיים, און דאן זענען מיר זוכה צום 'למען תחיה', דאן גייען מיר אריין בספרן של צדיקים, דאן ווערן מיר נכתב ונחתם בטבעת המלך בספר החיים.*

## ב.

צוויי שוועסטער'ס זענען זיי געווען. ביידע ערליכע, איידעלע, און גוטהארציגע. אבער אין די צייט וואס די עלטערע שוועסטער איז נישט געווען באזונדער שיין, און האט געהאט געוויסע חסרונות וואס האבן איר נישט צוגעגעבן שיינקייט, איז די יונגערע שוועסטער געווען אן ארויסגערופענער שיינהייט, וועלט בארימט איבער לענדער, א כלילת היופי במלוא מובן המלה.

די צוויי שוועסטער זענען געווען, לאה און רחל, בנות לבן הארמי.

ווען זייער ערשטע קוזין, יעקב, איז אנגעקומען אין זייער שטוב, איז זיין בליק באלד געפאלן אויפן יונגערן שוועסטער. לבן האט מיט זיינע טיפישע דריידלעך באוויזן ארייננצונארן דעם 'איש תם', מיטן עלטערן שוועסטער, לאה, און דערפאר האט יעקב געדארפט ארבעטן דאפלט, צו הייראטן אויך רחל.

ווי פארשטענדליך, איז רחל געווען די באליבטע בת זוג אין די צייט וואס לאה האט זיך געשפירט פארפיינטעט ביי יעקב, און מיט רעכט: זי איז נישט געווען אזוי שיין, זי איז נישט געווען זיין אויסדערוועלטער, און זי איז גאר געווארן זיין ווייב דורך פאפעריי. זי איז געווען גענוג פארפיינטעט, אז די תורה זעלבסט דרוקט זיך אויס דערוועגן (בראשית כט, לא): "וירא ה' כי שנואה לאה". אין מדרש (בראשית רבה) געפונען מיר גאר, אז יעקב האט איר געוואלט אפ'גט'ן צוליב דעם.

לאה האט נעבעך ביטער געליטן, און געשוויגן. וואס האט זי געהאט צו זאגן? אבער ווען זי האט געגעבן נעמען פאר אירע קינדער, איז איר טיפע צער ארויסגעקומען. די ווי געשריי האט זיך געהערט אין פארעם פון געזאנג, א געזאנג פון האפענונג. ראובן הייסט ראובן (שם, לב): "**כי ראה ה' בעניי, כי עתה יאהבני אישי**", שמעון הייסט שמעון (שם, לג): "**כי שמע ה' כי שנואה אנכי, ויתן לי גם את זה**", לוי הייסט לוי, ווייל (שם, לד): "**עתה הפעם ילוה אישי אלי, כי ילדתי לו שלשה בנים**", און יהודה הייסט יהודה, ווייל (שם, לה): "**הפעם אודה את ה'**, על כן קראה שמו יהודה".

***

מיר פארשטייען אז געוויס ליגן טיפע כוונות אין די פסוקי התורה, אבער חז"ל זאגן שוין די כלל (מסכת שבת ס"ג ע"א): "אין מקרא יוצא מדי פשוטו", און געוויס ליגן אין די פשטות

הפסוקים געוויסע זאכן וואס מיר קענען זיך עפעס אפלערנען דערפון. אלזא דארפן מיר פארשטיין, פארוואס עפעס פונקט ביי יהודה האט זי געלויבט דעם אייבערשטן 'הפעם אודה את השם', וואס איז געווען אזוי ספעציעל מיטן האבן דווקא יהודה? חז"ל מערקן שוין אן דערוועגן (עיי"ש ברש"י), אז זי האט זיך געפריידט וויסנדיג אז זי האט יעצט באקומען מער שבטים ווי עס וואלט געדארפט זיין איר טייל, אויב אלע פיר ווייבער פון יעקב וואלט באקומען די זעלבע צאל קינדער, צוצוקומען צו י"ב שבטים.

פארט איז שווער צו פארשטיין, וואס איז די גרויסע שמחה? זי איז דאך נישט געווען די אויסדערוועלטער פון יעקב, און אין פאקט איז זי אין א געוויסע הינזיכט געווען א 'שנואה', זי האט געציטערט פון א גט, דאס וואלט פארשטענדליך געדארפט צו פארטונקלן די גלאנץ, פארזויערן דעם געמיט, און חרוב מאכן איר פרייד. לשמחה מה זו עושה?

נאכמער איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז אנדערש ווי ביי די נעמען פון ראובן שמעון און לוי, וואס דארט דערמאנט זי איר אומבא'טעמ'טע יחס מיט איר מאן, איז אבער דא ביי יהודה בכלל נישט דערמאנט געווארן קיין ווארט דערוועגן. עפעס זעט אויס ווי זי איז געווען גענוג פרייליך נאר צו דאנקן דעם באשעפער, אן ארויסקוקן אז איר מאן וועט איר ליבן האבן.

***

דער תירוץ ליגט אינעם פאקט אז זי האט יעצט געהאט איר פערטן קינד.

ווילאנג זי האט נאר געהאט דריי קינדער, איז זי געווען גלייך מיט די אנדערע ווייבער פון יעקב, וואס לויט איר חשבון האבן אלע געדארפט צו האבן דריי קינדער. אויב זי שטייט אויפן זעלבן מצב ווי די אנדערע ווייבער, פארוואס זאל זיך טוישן די יחס צווישן איר און יעקב? אבער איינמאל זי האט זוכה געווען צו עפעס 'מער' פון די אנדערע, א פערטער קינד איז דאך זיכער מער ווי די אנדערע וועלן האבן, יעצט האט זי זיך פארזיכערט מיט עפעס וואס וועט איר ברענגען שעצונג און ליבע ביי איר מאן [און ווי די מדרש דערציילט, האט טאקע אזוי פאסירט, אזש רחל האט גאר אנגעהויבן מורא האבן אז יעקב וועט איר אפ'גט'ן].

*אט דאס איז דער לימוד פון 'הפעם אודה את ה''. מיר קענען זיך פרייען, נאכן טון עפעס מער פון רוטין, און דאס איז אונזער ארבעט אין חודש אלול, און דאס קומט דווקא מיט א פאזיטיווע בליק, א שמחה'דיגע בליק פון הפעם אודה את ה'.*

ווען לאה האט געבוירן איר פערטער קינד, האט זי געוואוסט קלאר אז זי איז אנגעקומען צו א נייע שטאפל. זי שטייט העכער פון די אנדערע ווייבער פון יעקב, און זי וועט זיין באליבט ביי אים. דערפאר האט זי נישט געדארפט אויסדריקן קיין קרעכץ, און ניטאמאל קיין האפענונג פארן עתיד. זי האט שוין געשמייכלט, און זי האט עס ארויסגעברענגט מיט די ווערטער "**הפעם אודה את ה'**", דאסמאל וועל איך לויבן גאט, ווייל דאסמאל איז מיין שמחה גאנץ!

די געדאנק וואס ליגט אונטער דעם איז, אז א זאך וואס יעדער פארשטייט אז דו דארפסט עס טון, איז נישט קיין קונץ און קיין גדולה ווען דו טוסט עס טאקע. ווען דו טוסט עפעס מער ווי די געווענליכע טאג-טעגליכע רוטין, בבחינת 'צדק צדק תרדוף', און דאס איז דוקא עפעס מער פון וואס דו דארפסט ווען טון, דאן ווערסטו באליבט ביי די וואס קענען דיר, דאן הייסט דאס א ריכטיגע לעבן - 'למען תחיה', און דאן נעמט גאט אן דיין תשובה. דו דארפסט נאר ארויסווייזן מער

אינטערעסע ווי די דורכשניטליכע חיי יום יום.

אט דאס איז דער לימוד פון '**הפעם אודה את ה'**'. מיר קענען זיך פרייען, נאכן טון עפעס מער פון רוטין, און דאס איז אונזער ארבעט אין חודש אלול, און דאס קומט דווקא מיט א פאזיטיוועו בליק, א שמחה'דיגע בליק פון **הפעם אודה את ה'**.

**ג.**

מיט גרויס פרייד שטעלן מיר אייך פאר, דעם פערטן זשורנאל פון "דער וועקער". פונעם 'לא טוב היות... לבדו' איז געווארן א 'טובים השנים מן האחד', און פון דעם איז געווארן א 'חוט המשולש לא במהרה ינתק'. אויב דער כלל איז, אז 'שלש פעמים הוה חזקה', דאן איז דער נומער פיר א סימבאל פון אדורכשניידן און גיין העכער די ערווארטונגען.

מיטן פערטן וועקער אין האנט, זינגט זיך פון זיך אליינס ארויס די געזאנג: "**הפעם אודה את ה'**".

***

אין דעם נומער, איז דער הויפט ארטיקל ווייטער געווידמעט אויף אונזער היינטיגער מצב החינוך. אויב אינעם פריערדיגן וועקער האט מען ארויסגעברענגט די פראבלעמען מיטן היינט צוטאגיגן חינוך סיסטעם, איז אינעם יעצטיגן וועקער געברענגט געווארן די לעזונגען וואס מען קען, און מען דארף, אדורכפירן. די צווייטע, וויכטיגערע חלק, איז דאפלט אזוי לאנג ווי די ערשטע חלק. שטרענג צום ליניע, אז קריטיקירן קען יעדער און העלפן קענען וויייניג, האט דער שרייבער פונעם לענגערן ארטיקל איבער חינוך פארזיכערט צו פארשלאגן פארשידענע פאסיגע געדאנקען וואס צו פארסירן אין אונזערע חינוך אנשטאלטן, סיי אין ת"ת און סיי אין ישיבה.

די לעזונגען זענען אפשר חידושים אין אונזער היינט פארשפרייטער מהלך אין חינוך, אבער אויב איינער וויל זיין אן אמת'ער אויסגעהאלטענער מענטש, קען ער נישט זאגן אז ס'איז גוט אזוי, נאר 'צדק צדק תרדוף', מ'דארף זוכן די ריכטיגע וועגן וויאזוי צו פארזיכערן דעם 'למען תחיה', די עתיד פון אונזערע קינדער, און די עתיד פון כלל ישראל.

*מ'קען ער נישט זאגן אז ס'איז גוט אזוי, נאר 'צדק צדק תרדוף', מ'דארף זוכן די ריכטיגע וועגן וויאזוי צו פארזיכערן דעם 'למען תחיה', די עתיד פון אונזערע קינדער, און די עתיד פון כלל ישראל.*

אנשטאטט קרעכצן 'שנואה אנכי', איז א קונץ צו זינגען שירה, פארשלאגן נייע מהלכים, און פארשטעלן א בעסערע צוקונפט פאר אונזער טייערסטער אוצר: אונזערע קינדערלעך. ווי צוגעפאסט איז אזא מאמענט אויסצורופן: **הפעם אודה את ה'**!

לאמיר זיין אפטעמיסטיש, פריילעך און צופרידן. לאמיר אננעמען די אלול טעג מיט אן אינערליכער סיפוק פון זיך פארבעסערן אויף א פאזיטיוון אופן. לאמיר האפן אז די וויכטיגע נקודות וואס גייען דא ארויסגעברענגט ווערן אינעם 'חינוך' ארטיקל, וועט האבן דעם ריכטיגן אפקלאנג אין גאס, אין ביהמ"ד, און בעיקר – אין בתי חינוך זעלבסט. לאמיר האפן אז זאכן וועלן זיך טוישן און פארבעסערן, און **"דער וועקער"** זאל טאקע וועקן די אלע וואס זענען פארשלאפן, בגשמיות וברוחניות.

------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען '**שש משזר**' אויפן פאפולערן '**קאווע שטיבל**' וועבזייטל.

# בריוו
# צו די רעדאקציע

*דער "המספיק מהלך"*

לכבוד די מערכת פון "**דער וועקער**",

פותחין בכבוד אכסניא, כ'וויל אויסדרוקן מיין התפעלות און דאנקבארקייט אויף אזא הערליכע אויסגאבע וואס יעדער ארטיקל באזונדער איז א ברכה צו מאכן.

ליידער לעבן מיר אין א צייט וואס בורות הערשט בקומה זקופה, איגנאראנץ און עקסטרעמיזם דאמינירן דעם סדר היום, און עס איז באמת כמים קרים על נפש עייפה צו קענען האלטן אין דער האנט א היימישע אויסגאבע, געשריבן און ארויסגעגעבן דורך ערליכע היימישע אידן, וואס שטיצט שכל און לאגיק, און וואו יעדער ארטיקל איז נישט סתם אבי געשריבן אנצופילן זייטן - ווי **אלע** אנדערע אידישע אויסגאבעס - נאר צו לערנען עפעס און אנצופילן דעם קאפ מיט אמת'ע חומר למחשבה.

עס איז נישט גרינג ארויסצוגעבן אזא אויסגאבע, און איך וואונטש אייך אז איר זאלט ווייטער מצליח זיין פאר לאנגע יארן, און נאך ווייטער שטייגן און מוסיף זיין מחיל אל חיל.

כ'וויל זאגן א הערה בנוגע דעם רירנדן ארטיקל וועגן קענסער, געשריבן דורך א געליטענעמ'ס א זון. די הערה איז נישט אזוי ווייט נוגע דעם ארטיקל, וואס ווערט געשריבן פון דעם פערספעקטיוו פון א קינד זעענדיג זיין טאטנס ביטער שווערע דורכגאנג. עס איז נוגע ארטיקל וועגן קענסער וואס דארפן צו זיין אינפארמאטיוו, נייעס אנאליזן וכדומה.

אונזער געזעלשאפט האט זיך שוין געלערנט מיט גוטן און מיט בייזן אז זיך פארהוילן פון א פאקט מאכט עס נישט אוועקגיין. עס איז נאך דא אסאך ווייטער צו מאכן פארשריט אין דעם ענין, אבער היינט ווייסט מען שוין די וויכטיגקייט פון זיין אפן, און רעדן פון פראבלעמען.

די אמאליגע מענטאליטעט פון אריינשטופן מיט געוואלד דעם קאפ אין זאמד האט באשאפן אסאך מאנסטערס - טייל גרעסערע און טייל קלענערע. ליידער האט דאס אפגעקאסט אומצאליגע נפשות יקרות וועלכע זענען אפגעשאכטן געווארן ברוחניות ובגשמיות דורך פראבלעמען וואס מ'האט יארן לאנג זיך געוואלט פארהוילן אז זיי עקזיסטירן - דאס איז דער ריזיגער מאנסטער וואס דער מענטאליטעט האט באשאפן. נאך א מאנסטער איז געווען דער פחד פון מודה זיין אז מ'פארמאגט א קינד וואס איז נישט געזונט אדער דאון-סינדראם וכו', ווי כאילו אויב מ'פארשטעקט דאס קינד אין א קלאזעט וועט דער "פראבלעם" פארשוואונדן ווערן.

א קלענערע מאנסטער וואס דאס האט באשאפן, איז דער פחד פון דעם עצם דערמאנען א פראבלעם. "יענע מחלה" הייסט עס - זאג נישט ח"ו דעם שרעקליכן ווארט! נאך א קליינע מאנסטער וואס דער מענטאליטעט האט באשאפן איז דאס בא'חס-ושלומ'ען יעדע פראבלעם. מ'קען נישט רעדן וועגן אן ערנסטן פראבלעם אן אריינקוועטשן מלפניה ומלאחריה חס ושלום'ס מיט לא עלינו'ס און ה' ירחם'ס, נישט מער געדאכט'ס, וכו' וכו'. ווי כאילו

ס'הערשט א שוידערליכע מידת הדין אויף דעם עצם דערמאנען דעם פראבלעם, און מ'דארף זיך באפאנצערן מיט אלע סארט לחשים אין פארעם פון די אלע אויסדרוקן.

דאס איז נישט נאר לגבי די חס ושלום'ס וואס דענערווירן און פארדרייען א קאפ, נאר דער גאנצער וועג וויאזוי מ'רעדט וועגן דעם פראבלעם ווערט סוביעקטיוו, באנעבעכדיג, קוים וואס מ'קען רעדן ברחל בתך הקטנה, ווי ערוואקסענע מענטשן. אנשטאט מ'זאל שרייבן טרוקן און טעכניש, ווערט אלעס פארוואנדלט אין הספדים און חיזוק שמועסן.

צום ביישפיל, מ'וואלט געדארפט שרייבן, "אויב איינער ווערט דיאגנאזירט מיט קענסער זאל ער..." נישט, "אויב איינער הערט פון זיין דאקטאר די שוידערליכע בשורה מחרידה אז ער איז אנגעשטעקט געווארן מיט די ביטערע מחלה ל"ע ה"י, וואס פארשטייט זיך ברענגט דאס א שרעקליכע זארג און פחד, זאל ער..."

טרוקן. יא, אייז קאלט. אן אינפארמאטיווער ארטיקל דארף רעדן פון די פאקטן, און געבן זאכליכע אינפארמאציע, נישט זיך ארויסדרייען פון רעדן צו דער זאך און קרעכצן און זיפעצן ביי יעדע שורה.

מיינט איר אוודאי אז דאס איז מיינט חידוש. ניין, איך רוף דאס דער "המספיק מהלך". פונקט ווי מ'רעדט היינט פון קענסער, אזוי האט מען אמאל גערעדט פון די ביטערע צרה פון אומגעזונטע קינדער ל"ע וכו'. איז "המספיק גאזעט" געקומען און געזאגט לא מיט אן אלף. ביי אונז גייט מען רעדן ווי גרויסע טאטעס, נישט ווי קינדערלעך וואס קענען נישט קוקן רעאליטעט אין פנים. אדרבה, כאפט א בליק אין המספיק גאזעט און זעט וויאזוי מ'רעדט דארטן פון המספיק פאציענטן מיט געפיל אבער זאכליך. אן קיין לא עלינו, אן קיין נעבעכס - ס'איז עולם כמנהגו נוהג. ס'איז צייט צו אדאפטירן דעם "המספיק מהלך" אויך פאר פראבלעמען וואס המספיק דעקט נישט, אריינגערעכנט קענסער.

כ'וועל מסיים זיין מעין הפתיחה מיט א וואונטש פון טיפן הארצן פאר די שרייבער און רעדאקטארן פונעם "וועקער" שיזכו לראות ברכה מפרי עמלם, און ווייטער זוכה זיין אויפצוטון אריינצושיינען אין די הערצער פון אידישע קינדער.

*הצלחה רבה,*
*ר. ג., קרית יואל*

***

## היינט איז דא ווייניגער מיחושים.

א"כ הסופרים הדגולים בגליון הנהדר **"דער וועקער"**, וואס כשמו כן הוא, א וועקער צו דערוועקן אידן פון שלאף.

דער לענגערער ארטיקל וועגן חינוך היינטיגע צייטן פאנגט זיך אן מיט א פונקט בדרך אגב וואס איז לענ"ד א טעות. דער שרייבער זאגט אז היינט זענען דא מער מיחושים ווי אמאל, און פון דעם וויל ער ארויסלערנען א נמשל. דער נמשל איז פיין, אבער דער משל איז נישט ממש אמת.

היינט זענען דא פיל ווייניגער מיחושים ווי אמאל! נאר מ'הערט וועגן די מיחושים ווייל מיר לעבן איבער גרעסערע קרענק. אמאל, ווען מ'איז געשטארבן ביי די 12 פון א לונגען אנטצינדונג, האט קיינער נישט גערעדט פון דייעביטיס; ווען א פארקילונג האט געקענט אומברענגען א 30 יעריגן טאטע, האט זיך קיינער נישט געזארגט וועגן פארדרייאונג פראבלעמען. עכ"פ מיט שרעקליכע קראנקהייטן וועלכע האבן יעדן טאג גע'הרג'עט געזונטע מענטשן איז בכלל נישט געווען קיין דאגה וועגן אנדערע מיחושים.

אין פופציג יאר ארום ווען די היינטיגע מיחושים וועלן גרינג קענען פאראהיילט ווערן, וועלן אפירקומען פרישע קלייניגקייטן

וואס וועלן דעמאלטס זיין די מיחושים. קליינינקייטן וואס היינט חלומ'ען מיר אפילו נישט פון זיך אפרעדן אויף זיי.

*הצלחה אויף ווייטער,*
*ש. גוטמאן, בארא פארק*

***

### פארוואס מיטן היינטיגן סאפיסטיקירטן חינוך סיסטעם, פאלן טאקע אזאך בחורים אוועק?!

דער ארטיקל איבערן מצב החינוך, האט ארויסגעברענגט אינטערסאנטע נקודות.

די שאלה פארוואס אמאל מיט א מער פרימיטיווע חינוך סיסטעם זענען ווייניגער אוועקגעפאלן ווי היינט מיט די מערסטע פארגעשריטענע סיסטעם זייט די האלאקאוסט, עגבערט מיר שוין לאנג, און קיין צופרידנשטעלנדער ענטפער האב איך נאכנישט.

דאס זענען עטליכע פון מיינע רויע מחשבות:

1) **טעכנאלאגיע**, און דאס קען צוטיילט ווערן אויף צוויי חלקים: א) די אינגערע דור עלטערן האבן ווייניגער דעם קאפ אויפן פלאץ צו די קינדער, ווען א חלק מח איז נאכאלס פארבינדן 'ערגעץ אנדערש' ביזנעס, סתם שטותים וכו', 15-20 יאר צוריק ווען א ארבעטס אינגערמאן איז אהיימגעקומען פון דער ארבעט, איז ער געווען 'אינדערהיים' פיזיש און גייסטיש, פון 5:30 און ווייטער איז ער געווען עוועילעבל פאר די ווייב און קינדער, היינט קומען אסאך טאטע'ס אהיים שפעטער, און אפילו ווען מ'איז אינדערהיים קוקט מען אימעיל'ס, מ'באקומט פאון קאלס (איך רעד שוין נישט פון וואצעפפ), וואס דאס אפעקטירט די עמאציאנאלע קשר צווישן עלטערן/קינד מאן/ווייב. ב) ווען א בחור הייבט אן צו פארן דרום, איז דער וועג ארויס צו די גרויסע גאס זייער שנעל, אנדערש ווי אמאל ווי ער האט געהאט א שטיקל מהלך צום תהום.

2) **רעספעקט**. די רעספעקט פאר עלטערע מענטשען, מלמדים, עלטערן, רבנים, איז היינט אסאך ווייניגער ווי אמאל. דאס קומט מיט א גרויסע סייד עפעקט, נעמליך זיי האבן מער נישט קיין השפעה אויף דיר, די קינדער האבן היינט א מיינונג מיט וואס די עלטערן מוזן זיך רעכענען, אז נישט קען ער ווערן חוצפה'דיג (אמווייניגסטנס א חלק דערפון איז א רעזולטאט פון דאס נעמען פאר גרינג צו רעדן אויף אנדערע רבנים אין געגנווארט פון די קליינע [גערעכט צו נישט איז נישט נוגע, די שאדן איז דא], כנלע"ד), איך קוק אהן וויאזוי קינדער רעדן צו זייערע עלטערן און איך גלייב שווער אז זייער טאטע וואלט געקענט אזוי רעדן צו זיין זיידע.

*יעקב מ.*
*וומסב"ג*

***

### וואס נאך מיר קענען פארבעסערן אין אונזער חינוך סיסטעם

איך האב געליינט די ארטיקל איבערן היינטיגן מצב החינוך, און לדעתי טאמער איינער (יעדער טויש קומט נאר פון איינער, דעריבער איז עס נישט רחוק מן השכל אז 'איינער' וועט עפעס טוהן) וועט עפעס טוישן, וועט שוין זיין גרייט א ציבור וואס וויל אזא מוסד, ווייל זיי האבן געליינט "דער וועקער".

לאמיך מוסיף זיין צוויי נקודות איבערן היינט צוטאגיקן מהלך אין חינוך:

איין נקודה. לדעתי דארף מען נאך אינפארמאציע אויף יעדעס קינד. ווען א כיתה האט אכט און צוואנציג קינדער, דארף דער מלמד יעדן טאג ארויסנעמען איין קינד און באקוקן וואס ער קען, זען צו ער האלט מיט און אפשרייבן א באריכט. אזוי האט מען א באריכט כאטש איין מאל א חודש אויף יעדעס קינד. אזוי וועט זיין אוממעגליך פאר א קינד אדורך צו גליטשן. דער שטילער קינד וועט נישט קענען באהאלטן דאס אז ער קען נישט קיין עברי ווייל

ער מאכט נישט קיין טראבל, און דער 'בעל כשרון' וועט נישט קענען פארדעקן דאס וואס ער פארשטייט גארנישט ווייל ער געדענקט אלס. אזוי וועט מען אויך קענען מעסטן דער מלמד צו ער טוט אויף מיט שוואכע און מיטלמעסיגע קינדער.

נאך א נקודה. מ'דארף טרעפן אן עצה וויאזוי פטור ווערן פון אן אומטויגליכער מלמד. טאמער דער איינציגסטער עצה פאר א שוואכע מלמד איז אים צו שיקן אין גאס, וועט רחמנות אייביג שפילן א ראלע ווען מ'דארף מחליט זיין וואס צו טוהן. אפשר זאל מען איהם מאכן פאר א מלמד פון משניות סוף טאג, אדער מאכן פאר א בוחן, עפעס א וועג אז מ'זאל נישט דארפען פילן שלעכט.

ל. פ"ב
לעיקוואוד

***

איבערן ארטיקל: דער טאגבוך פון א קענסער געליטענער'ס צון.

לדעתי, פארדינט דער ארטיקל אן אסקער.

איך ווער נישט סתם אזוי איבערגענומען פון אנגעבליכע הארץ רייסעריי. אבער א דייערי, איז אויטענטיש, און צומאל גאר טיף, וואס אפילו דער שרייבער פינעם דייערי, וועט מארגן נישט פארשטיין וואס און וויאזוי ער האט דאס געקענט שרייבן נעכטן, פארדעם שרייבט ער עס יעצט.

די מחלה איז טאבו, מיסטעריעז, פחד'יג, מען האט מורא פון איר ווי פונעם טייוול, ווייל זי איז טאקע.

ס'קומט זיך אסאך קרעדיט פארן שרייבער פאר די הערואיזם, און אנשטאט באגראבן זיין עקספיריענס ערגעץ וואו אין א פארוויטאגטע פלאץ אין הארץ, נעמט ער אונז אלע אהין.

דער ארטיקל שרייבער קומט דא ארויס ווי זייער אן אינטערסאנטער אויטענטישער פיגור, א קאמישער לץ וואס ווערט איבערגענומען פון אפילו קליינע דעטאלן. זיין אמונה איז אויך זייער אויטענטיש דא, ער איז מכבד זיין טאטנ'ס שטארקייט, בזמן ער ספראוועט זיך. ער איז זיך מחזק מיט צובראכנקייט, און ווערט צובראכן פון חיזוק.

דאס איז אייגענטליך די מעלה פון דייערי'ס איבער סתם געשרייבעכטס.

א.ה.
בארא פארק

***

דברי חכמים בנחת נשמעים

איך האב זייער הנאה געהאט פון דעם 'חינוך' ארטיקל. עקסטער הנאה געהאט פון דער שרייבער וואס שרייט נישט אין די וועלט אריין, און רעדט צום זאך. מיט עקספיריענס, פארשטאנד און מיט א מתינות עד להפליא. כ'בין זיכער אז דברים היוצאים מן הלב וועט שוין טרעפן א הארץ ווי אריין צו גיין.

נ.וו.
אנטווערפן

**איר קענט אויך אריינשיקן אייערע הערות און בריוו צום רעדאקציע, דורכן פאלגענדן אימעיל אדרעס:**
**info@derveker.com**



# הוציאה ממסגר נפשי

## א פארמאכטע קינד

עס איז גאנץ אן אפטער ערשיינונג וואס מען זעהט, אז א קינד איז נאר אפן צו איינע פון די עלטערן, און נאר מיט יענעם טיילט ער מיט זיינע געפיהלן און איבערלעבענישן, און פארן צווייטן ווייזט ער ארויס א קאלטקייט, און וועט זיך שטענדיג ארויסדרייען פון האבן א נאנטע קשר מיט יענעם. דאס ווייזט נישט קיין שום חסרון כלפי יענעם, און עס איז נישט דא קיין סיבה צו ווערן געבאדערט דערפון.

עס איז גאנץ מעגליך, אז דער צו וועם ער איז מער באהאפטן טיילט מיט ענליכע תכונות הנפש, וואס איז גורם א נאנטשאפט פון נאטור אויס. דער עיקר איז, אז דאס קינד איז כאטש נאנט מיט איינע פון זיינע עלטערן, און דער אנדערער זאל ווייזן פארן קינד אז ער איז צופרידן פון דעם וואס ער טיילט מיט זיינע געפיהלן פארן צווייטן, און ער איז נישט געבאדערט דערפון. ער קען אים זאגן: 'טאמער פיהלסטו סיי ווען אז דו ווילסט מיט מיר מיטטיילן סיי וואס, וועל איך זיין מער ווי פרייליך דיר אויסצוהערן, און שטיין ביי דיין זייט ווי ווייט מעגליך'.

עס זענען פארהאן קינדער וואס זענען אינגאנצן פארמאכט און פארשפארט, זיי טיילן נישט מיט גארנישט פון זייערע געפיהלן און מיטלעבענישן מיט קיינעם, עס קען זיין אפאר סיבות צום ערשיינונג, אסאך מאל קומט דאס מכח וואס איינע פון די עלטערן איז אויך אזוי בטבע און דאס גייט אריבער די ד.י. ען. עי., צומאל קען עס קומען פון א טראומא וואס דאס קינד האט אמאל בייגעוואוינט, אדער אנדערע סיבות.

נישט משנה וואס די סיבה איז, איז קלאר אז יעדעס קינד האט געפיהלן און מיטלעבענישן וואס מאכן אים פריי׳ליך/טרויעריג/גערעגט וכדו׳, און עס איז זייער וויכטיג אז ער זאל דאס מיטטיילן מיט אנדערע, **געפיהלן וואס בלייבן אינעווייניג ווען איין טאג אויספלאצן אויף גאר אומאיינגענעמע אופנים**, די עלטערן ברויכן דאס אבער טוהן שטייטליך און זיין געווארנט פון לייגן דרוק אויפן קינד, וואס איז געווענליך גורם דאס פארקערטע, און ווען דאס קינד פיהלט זיך געדרוקט וועט ער זיך מער פארמאכן.

עס איז כדאי אז די עלטערן זאלן רעדן מיטן קינד וואס מער, אים מיטטיילן מיט זאכן וואס זיי טוען, ערקלערן בטוב טעם ודעת וויאזוי זאכן ארבעטן. לדוגמא: טאמער האסטו א געפיהל צו קאר׳ס, זיי אים מסביר די חילוקים און אייגנארטיגקייטן פון יעדע קאר וכדו׳. וכמים פנים לפנים דאס עצם רעדן אסאך צום קינד וועט געווענליך גורם זיין אז דאס קינד זאל אויך אנהייבן צו רעדן.

אזוי אויך איז וויכטיג אז עלטערן זאלן מיטטיילן מיטן קינד זייערע הרגשים וואס זיי פיהלן אין אלע סארט מצבים, דאס וועט גורם זיין אז דאס קינד זאל אנהייבן לייגן געוויכט אויף זיינע אייגענע הרגשים, און זיי מיטטיילן מיט די עלטערן. פארשטייט זיך אז מען זאל זיך אינטערסירן אין די הרגשים פונעם קינד, לדוגמא אים זאגן: ׳איך זעה אז דאס מאכט דיר פריי׳ליך׳, אדער: ׳איך מערק אין דיין שטימע אז עפעס באדערט דיך׳ וכדו׳, דאס וועט צוברענגען אז דאס קינד זאל רעדן דערפון.

עס איז אויך געזונט, אז עלטערן זאלן מפעם לפעם מיטטיילן מיטן קינד זייערע ספיקות און דילעמע׳ס מיט וואס זיי ספראווענען זיך, אדער מיט שוועריגקייטן וואס זיי גייען אריבער. מען קען זיי אויך צומאל פרעגן אן עצה, און איר וועט זיין איבערראשט צו הערן אסאך מאל קלוגע עצות פון אייער קינדער.

דאס אלס פארשטארקערט די קשר צווישן די עלטערן מיטן קינד, אז א קינד פיהלט אז די עלטערן זענען גענוג נאנט מיט אים אויף מיטצוטיילן מיט אים זייערע פריוואטע ענינים, און זענען אים מחשיב אויף צו הערן זיין דעה, ברענגט דאס א שטארקע קירבה און קשר.

נאך א מעלה איז, אז ווען מען טיילט מיט מיטן קינד שוועריגקייטן וואס מען גייט אריבער, זעהט דאס קינד אז ער איז נישט דער איינציגסטער וואס האט פראבלעמען אין לעבן. און דאס לערנט אויך דעם קינד אז מען טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין, און מיט סייעתא דשמיא קען מען אלעס אדורך מאכן בשלום. ווי פארשטענדליך איז נישט אלעס פאסיג אויף מיטצוטיילן מיטן קינד, מען דארף האבן שכל, און אפילו וואס מען טיילט יא מיט - זאל מען חלילה נישט גורם זיין א פאניק ביים קינד.

אסאך מאל איז די סיבה צום פארמאכטקייט פונעם קינד מחמת בושה, ער פיהלט אז טאמער וועט ער מיטטיילן זיינע הרגשים און מיטלעבענישן וועט מען אים אנקוקן קינדיש. עס וואלט געווען ראטזאם אין אזא פאל, אז די עלטערן זאלן מיטטיילן זייערע ענליכע הרגשים וואס זיי האבן געהאט אלס קינד, אזוי ארום וועט דאס קינד איינזעהן אז ער איז בארעכטיגט מיט די הרגשים, און דאס וועט אוועקנעמען זיין בושה און ער וועט זיך מער עפענען. ■

------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען **׳קל וחומר׳** אויפן פאפולערן **׳קאווע שטיבל׳** וועבזייטל.



# נשמה און באוואוסטזיניגקייט

## א פראגע צו
## דר. דזשערעמי ענגלאנד

**דורך: ראובן**

דער ארטיקל איז אויף אידיש, אבער דא נאט אייך די מער-באקאנטע ענגלישע טערמינען:

באוואוסטזיניגקייט - consciousness

קינסטליכע אינטעליגענץ - artificial intelligence

אויסערוועלטליכע ברואים - extraterrestrial life, אדער - aliens

אין אונזער שמועס מיט דר. דזשערעמי ענגלאנד, וואס איז געדרוקט געווארן אין פריערדיגן נומער פון "**דער וועקער**", האבן מיר זיך פארקירעוועט אין א זייטיגער נושא, וואס מיר ברענגען דעם חודש. **לעבן, באוואוסטזיניגקייט, נשמה** - דאס זענען גאר מיסטעריעזע באגריפן פאר יעדן מענטש און בפרט פאר דער וועלט פון וויסנשאפט. וואס האלט דער גרויסער פרומער וויסנשאפטלער איבער די ענינים?

***

מיר האבן געפרעגט דר. ענגלאנד'ן, "ווי א מאמין, גלייבט איר אז מ'קען פארשטיין באוואוסטזיניגקייט וויסנשאפטליך, אדער אז עס איז איבערנאטירליך, מער פאסיג פאר אזעלכע קאנצעפטן ווי "נשמה"? אויב וויסנשאפט וועט זיין ערפאלגרייך אין באשאפן קינסטליכע אינטעליגענץ, וועט דאס טוישן אונזער בליק אויף די נושאים?"

ענגלאנד איז מסביר אז קינסטליכע אינטעליגענץ גייט נישט טוישן אונזער בליק אויף דער וועלט, וויבאלד באוואוסטזיניגקייט איז נישט קיין אינטעגראלער טייל פון אידישקייט. ער ערקלערט אז לעולם איז דאך פאראן די אור-אלטע פראגע: פון וואנעט קענען מיר וויסן אז אנדערע מענטשן זענען באוואוסטזיניג? באוואוסטזיניגקייט קען מען נאר וויסן ביי זיך אליין, ווייל מ'שפירט דעם שכל, דעם 'איך'. אבער אנדערע מענטשן קענען דאך זיין ראבאטן, מלאכים, אדער אפשר סתם אן אילוזיע פון דעם אייגענעם באוואוסטזיניגן מוח.

די תורה פארלאנגט נישט אז מיר זאלן אויפווייזן אז אנדערע מענטשן פארמאגן באוואוסטזיניגקייט ווייל מיר דארפן זיך באציען צו אנדערע מענטשן ווי א חלק פון דער בריאה און דער געטליכער פלאן.

אלזא, וויאזוי מיר זאלן נאר טייטשן דעם

באגריף פון 'נשמה' און דעבאטירן צי קינסטליכע אינטעליגענץ פארמאגט באוואוסטזיניגקייט און א נשמה, איז דאס נישט נוגע פאר אונזער עבודת השם.

*רוב מענטשן זענען נישט גענוג קלאר מיט'ן אפטייטשן דעםווארט "באוואוסטזיניגקייט", און דאס ברענגט א סך צעמישעניש. ניורא-וויסנשאפטלער און מאדערנע פילאזאפן זענען דאס מערסטע שולדיג אין דעם, אבער מ'קען האבן טענות אויף נאך א סך אנדערע.*

*מיר דארפן קאנפראנטירן דעם פאקט אז די תורה פארמאגט נישט קיין ווארט פאר רוחניות אדער גשמיות. מיר האבן ווערטער ווי "רוח" און "נשמה", און פארשטייט זיך אז די טערמינען ברענגען אויף אנדערע געדאנקען ווי "עפר מן האדמה". אבער נישט רוח און נישט נשמה מיינען דווקא עפעס וואס איז נישט פיזיש. ווען מיר רעדן וועגן גשמיות און רוחניות, רעדן מיר אין קאטעגאריעס פון דער גריכישער פילאזאפיע, און די שפעטערדיגע אויסצווייגונגען פון קריסטליכער און סעקולערער פילאזאפיע. עס טוט מיר ווי אז אזויפיל אידן זענען מסביר עבודת השם ווי א מין טריאומף פון רוחניות איבער גשמיות. איך פארשטיי אז דאס קומט דורך קבלה (וואס איז היסטאריש געווען א הינטערטירל ארייננצולאזן קריסטליכע, גריכישע, און בבלישע פילאזאפיעס אין אידישקייט) און עס איז זייער שווער איבערצוקומען.*

*אבער איך מיין אז די גמרא שטעלט צו די ריכטיגע הדרכה דא: עס ווערט דערציילט א געשיכטע וועגן א בלינדן און א הינקעדיגן וועלכע האבן קאאפערירט אין בארויבן דעם קעניג'ס גארטן. נאכדעם וואס זיי זענען געכאפט געווארן האט דער קעניג געלייגט דעם הינקעדיגן אויף די אקסלען פון דעם בלינדן, און האט זיי גע'משפט ווי איין מענטש. דאס איז וויאזוי הקב"ה משפט אונז: ווי וועזנס וועלכע זענען גוף און נשמה ווי איינס.*

*ווען דוד המלך נעמט איין ירושלים פון די יבוסים זאגט ער "עיור ופיסח לא יבוא אל הבית", און איך מיין אז ווען די גמרא דערציילט די מעשה פון דעם עיור און פיסח באציט זי זיך צו דעם: דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן אים מאכן א היים אויף דער ערד, דער בית המקדש, וואס פארמעקט דעם פאלשן דואליזם וואס צעטיילט דעם רוחניות פון דעם גשמיות. דוד המלך האט מיט דעם עיור און פיסח געוואלט מרמז זיין אז פונקט ווי מ'קען אזוינע צוויי מענטשן נישט אפטיילן פון אן אקט וואס זיי טוען צוזאמען, אזוי אויך קען מען נישט צעטיילן דעם רוחניות און גשמיות פון דעם מענטש, ווייל דאס איז אלעס איינס.*

*מיין עיקר נקודה איז אז געוועגליך ווייסן מיר ניטאמאל פון וואס מיר רעדן ווען מיר דערמאנען "באוואוסטזיניגקייט".*




***אין "דער וועקער" #2 איז געברענגט געווארן א לענגערע אינטערוויו וואס 'ראובן' האט אפגעהאלטן מיט דר. 'ירמי' ענגלאנד***

מענטשן מיינע דערמיט סוביעקטיווע ערפארונגען וועלכע זענען נישט צוטריטליך פאר וויסנשאפט - וואס באשעפטיגט זיך נאר מיט אביעקטיווע זאכן. זיי ווילן פארשטיין צי ס'איז דא עפעס א חכמה מסביר צו זיין פארוואס זיי זעען די וועלט פון זייער פערספעקטיוו און נישט פון א צווייטנס. איך מיין אז דאס לייגט דעם וואגן פאר דעם פערד.



סוביעקטיווע ערפארונגען פון אן אינדיווידועל איז דער יסוד פאר אלעם. דאס איז וואו רעאליטעט פאנגט זיך אן פאר אונז אלע - כאטש איך קען דאס נאר באשטעטיגן פאר מיר אליין. יעצט איז די פראגע, וויאזוי זאל איך מסביר זיין את די ערפארונג? איך מיין אז די אידישע מסורה זאגט נישט קלאר אז מיר דארפן גלייבן אז מיר באשטייען פון אונזערע נשמות, און אונזערע נשמות קאנטראלירן אונזערע גופים. די תורה לערנט אונז אז דער אויבערשטער האט אונז באשאפן ווי גאנצע וועזנס, און ער האט אונז צוזאמענגעשטעלט פון חלקים וועלכע שפירן מער חומר'דיג (עפר מן האדמה) און חלקים וועלכע זענען מער שטורעמיש און פלוסיג און פארבינדן אונז צו דער סביבה (נשמה).

ווען מענטשן רעדן וועגן קינסטליכע אינטעליגענץ כאפן זיי נישט אז ווען עס קומט צו אויפפירונג איז זייער גרינג צו בויען עפעס וואס וועט זיך אויפפירן אויף אן אופן וואס זעט אויס אינטעליגענט - צום ביישפיל "גוגל טרענסלעיט" איז היבש אינטעליגענט. די פראגע איז בנוגע אמת'ע אינטעליגענץ: איז דא איינער וואס לעבט אין דער וועלט, שפירט די ערפארונגען הינטער זיינע אויגן, אזויווי איך שפיר הינטער מיינע? און קען דער איינער זיין א ראבאט?

אבער דא קומט אריין א פראגע וואס איז נאך מער פונדאמענטאל: פון וואנעט ווייסן מיר דען אז אנדערע מענטשן פון פלייש און בלוט זענען באוואוסטזיניג? א מענטש קען נאר באשטעטיגן באוואוסטזיניגקייט ביי זיך אליין, אבער וויאזוי קענען מיר דאס וויסן ביי יענעם? די פראגע ווייזט אונז אז מיר זענען גרייט צו נעמען דעם שפרינג צו דערקענען באוואוסטזיניגקייט וואו אימער מיר קוקן נאר. עבודה זרה איז געגאנגען נאך ווייטער, און האט געזען באוואוסטזיניגקייט אפילו אין שטיינער אוןביימער, און ווינטן און ימים. דערפאר מיין איך אז ס'איז נישט ריכטיג צו זאגן אז אויב איך פיל ווי עפעס רעדט צו מיר מוז עס פארמאגן א נשמה און זיין באוואוסטזיניג.

אונזער תורה לערנט אונז נישט צו רעדן צו דעם ווינט, נישט ווייל מיר וועלן זיך איינרעדן אז עס רעדט צוריק צו אונז, נאר ווייל ס'איז אסור. מיר דארפן רעדן צו אנדערע מענטשן ווייל עס איז א חלק פון אונזער עבודת השם - אפגעזען פון צי מיר קענען איבערצייגן



אז זיי זענען באוואוסטזיניג. און מיר דארפן רעדן צום אויבערשטן ווייל דאס איז דער וועג וויאזוי מיר באקענען אים און דינען אים בעסער. אזוי אויך, לערנען צו קאמוניקירן מיט מענטשן העלפט אונז בעסער צו באקענען דעם אויבערשטן, ווייל מענטשן זענען באשאפן געווארן מיט א צלם אלוקים. דאס איז דער וועג וואס אונזער מסורה רעקאמענדירט, און דאס האט נישט קיין שייכות מיט דעם צי מיר קענען איבערווייזן צי א צווייטער פארמאגט באוואוסטזיניגקייט.

***

מיר האבן געפרעגט, "וואס האלט איר וועגן אויסערוועלטליכע ברואים? איז פאראן לעבן אויף אנדערע פלאנעטן?"

ענגלאנד האט ווידער אנגענומען דעם מהלך אז אידישקייט איז נישט תלוי אין גלייבן אז ס'איז נישט אדער יא דא לעבן אויף אנדערע פלאנעטן. פארקערט, אונזער ספרים שאנק איז אזוי ברייט און עקסטענסיוו, אז אויב דער טאג וועט קומען איז אזעלכע ברואים וועלן זיך באוויזן וועלן מיר תיכף קענען פארפירן א תורה'דיגן און הלכה'דיגן שמועס.

*איך נעם די שטעלונג צו זיין אינגאנצן אמפיריש איבער דעם ענין, און זיך נישט זארגן דערוועגן ביז דער מצב וועט עס ארויפצווינגען אויף אונז. עס קען זיין אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט אזוי אז דאס פלאץ וואס טיילט אפ אונזער סאלאר סיסטעם פון אנדערע קען מען בכלל נישט אריבערגיין, טראץ אונזער פאנטאזיעס אויף פארקערט. אדער אפשר יא.*

*פאר די אידן פון טויזנט יאר צוריק איז פערו געווען פונקט ווי פאר אונז מאדים, און די אינקאס זענען געווען פונקט ווי איינוואוינער פון אן אנדערן פלאנעט. מיר האבן א מסורה וואס קען זיך גרינג צושטעלן צו פרישע אינפארמאציע, ווייל מיר זענען, ווי הגרי"ד סאלאווייטשיק ז"ל פלעגט זאגן, "גוט איינגעבונדן."*

*אויב אויסערוועלטליכע ברואים וועלן אמאל אנקומען צו דער ערד, פארמאגן מיר פילע פראגעס וועלכע מיר קענען גלייך פרעגן לויט אונזער מסורה: זענען זיי בני אדם? זענען זיי אידן? זענען זיי מלאכים? קענען זיי שאקלען ד' מינים און מאכן א ברית מילה?*

*"וויאזוי עס זאל נאר זיין," פירט ענגלאנד אויס, "וועלן מיר אייביג וויסן וואו ארץ ישראל איז און וואו מיר דארפן בויען אונזער בית המקדש - בעזרת השם ובמהרה בימינו."*



# מלך בשדה

כְּבָר תָּשַׁשׁ כֹּחַ חַמָּה,
כְּבָר תָּשַׁשׁ כֹּחִי,
כְּבָר יָשַׁבְתִּי לָאָרֶץ,
כְּבָר רָקַדְתִּי בַּכְּרָמִים.

חִפַּשְׂתִּיו בְּחוּצוֹת הָעִיר ־ לֹא מְצָאתִיו,
בָּכִיתִי עַל הָאָב בְּתִשְׁעָה בּוֹ,

הֻכֵּתִי, נִפְצַעְתִּי, קִינָה קִנֵּתִי,
טָבַעְתִּי שְׁעָרֶיהָ בָּאָרֶץ.

חִפַּשְׂתִּיו בְּמָחוֹל הַכֶּרֶם,
שָׂמַחְתִּי, שִׂמַּחְתִּי,
חָשַׁבְתִּי לְהֵרָאוֹת בְּאֶצְבָּעִי,
שׁוּעָלִים חִבְּלוּ בּוֹ.

אָמַרְתִּי אֶל לִבִּי הַדַּל,
אַלְלַי לִי כִּי בָּעִיר חִפַּשְׂתִּיו,
לֹא בַּמֶטְרוֹפּוֹלִין יִמָּצֵא,
לֹא בַּקַּיִץ יִקָּץ.

לֹא בְּלֵב אֱנוֹשׁ יִכּוֹן,
לֹא בְּתֵיאַטְרוֹן יִתְעַנָּג,
נְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר,
מְצִלְתַּיִם תְּצִילֶנָה אָזְנָיו.

אֵלְכָה לִי אֶל הַיַּעַר - שָׁם אֶפְגְּשֶׁנּוּ,
כֹּל בַּיַּעַר - דּוֹמֵם צוֹמֵחַ וְחַי,
אַךְ לֹא אֶת הַמְדַבֵּר שׂוֹנְאוֹ,
קַר וָחוֹשֶׁךְ, צִיָּה וְצַלְמָוֶת.

אֶפְנֶה אֶל הַחֶשְׁוָן, אֶכְרוֹת לִי עֵצִים,
אֲקוֹנֵן חֲצוֹת עִם הַגַּרְזֶן,
אֶתְחַמֵּם עִם הַקּוֹר,
הַחוֹשֶׁךְ לִי אוֹר.

בְּאָזְנֵי נְמָלִים אֶצְעַק צָמְאָה,
בְּגוֹב דּוֹב אֲחַפֵּשׂ אַיֶּכָּה,
עִם הַתְּאוֹ אָגוּר,
עִם הַזָּמֶר אֲזַמֵּר.

עָזַבְתִּי אֶת הָאָב בָּעִיר,
יָצָאתִי אֶל הַחֶשְׁוָן בַּיַּעַר,
הִנְנִי עוֹבֵר עַל פְּנֵי הַשָּׂדוֹת,
וְהִנֵּה הָאֱלוּל-תִּשְׁרֵי בִּי נִפְגָּשׁוֹת.

סוּרוּ נָא אֲדוֹנַי מִפָּנַי,
מַה לָּכֶם בְּחִיפּוּשׂ מְאַהֲבַי,
לֹא מִן קַיִץ הָעִיר, לֹא מִן חוֹרֶף הַיַּעַר,
כִּי בַּשָּׂדֶה מָצָאתִי אֶת הַסְּתָיו.

עוֹמֵד הִנְנִי לְהַמְשִׁיךְ בְּדַרְכִּי,
אָז רְאִיתִיו,
מִבֵּין הַשִּׁבֳּלִים, כְּמִבֵּין הַצְּלָלִים,
רֵעִי, אָחִי, אָבִי, מַלְכִּי, אֱלֹהָי.

שָׁלוֹם עָלֶיךָ עַבְדִּי וּבְנִי,
הֵן לֹא בַּחוֹם הָעִיר אֲנִי,
אַךְ גַּם לֹא בְּקוֹר הַשִּׁמָּמוֹן,
אֶל הַשָּׂדֶה יָצָא הַמֶּלֶךְ.

יְגֵעִים בָּהּ אֲנָשִׁים בַּעֲבוֹדָה,
חוֹרְשִׁים, זוֹרְעִים בְּדִמְעָה,
מֵעֲרוּגָה לַעֲרוּגָה, מִדָּה וּמִדָּה,
מְקַוִּים, אוּלַי יַעֲלֶה אֲרוּכָה.

אֲנִי הָרוּחַ בְּרֹאשׁ הַשִּׁבֳּלִים,
אֲנִי רוּחַ הַשְּׁטוּת בְּרֹאשׁ אֶבְיוֹנִים,
אֲנִי רִקָּבוֹן הַזֶּרַע,
אֲנִי טִיפַּת הַגֶּשֶׁם.

נָשָׂאתִי אֶת עֵינַי, עֲדַיִן חוֹשֶׁךְ בַּחוּץ,
מִתְעַטֵּף הוּא בְּטַלִּית כְּשַׁ"ץ,
בְּקוֹל רוֹטֵט מַכְרִיז,
אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ...

-------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען **'ונבנתה העיר'**
אויפן פאפולערן **'קאווע שטיבל'** וועבזייטל.



Credit: a katz /Shutterstock.com

עוצו עצה:

# וואס קענען מיר טון

## צו פארבעסערן דעם

# חינוך סיסטעם

## פון אונזערע קינדער?!

## חלק ב'

# וויאזוי, און מיט וואס, מיר קענען פארבעסערן
# דעם מצב החינוך
## פון אונזערע קינדער?!"

**"ותשועה ברוב יועץ"**
**(משלי יא, יד).**

יעצט אז מיר האלטן דא, דארף מען דאך ארײנקלערן און פרעגן 'אלא מאי'?, וואס איז די ריכטיגע און פאסיגע עצה, וויאזוי מחנך צו זיין אונזער עתיד, אונזערע באליבסטע, די טייערסטע אוצרות וואס מיר פארמאגן, אונזערע קינדער. וואס און וויאזוי דארף מען זיי מחנך זיין אז זיי זאלן לכל הפחות זיין אזויווי די מיידלעך, וואס ביי זיי איז די מצב (כאטש אביסל) בעסער [ווייל צו זיין פון די וואס קריטיקירן שטענדיג, די וואס זענען בכלל 'אין כוחו אלא בפה', וואס זאגן אייביג ווי שטארק די מצב טויג נישט, אבער קענען נישט מציע זיין און אויפקומען מיט עצות און תיקונים, אויף זיי זאגט דער משנה (מסכת אבות פ"א מט"ו): **"אמור מעט ועשה הרבה"**].

דאס איז אבער קלאר און פשוט, אז אין אזא פאל טאר מען חלילה נישט זאגן די כלל פון (מסכת עירובין ק' ע"א): "שב ואל תעשה עדיף", ווייל דער חכם מכל אדם זאגט דאך (אנהייב פונעם פסוק געברענגט אינעם קעפל "ותשועה ברוב יועץ"): **"באין תחבולות יפל עם"**.

דערפאר לאמיר צוזאמען אדורכגיין פארשידענע נקודות, וואס עס איז ווערט ארײנצוקלערן דערינען, און זען אויב זיי זענען גוט [און איך קום דא נישט צו זאגן 'קבלו דעתי', אז מיין הצעה איז די ריכטיגע תשובה צו אלע אויבנדערמאנטע טענות און שאלות, נאר איך לייג דא פאר וואס איז מיר איינגעפאלן, 'וירא הקהל וישפוט', און אדרבה - יעדער וואס האט אן הצעה אדער א מהלך אין דעם ענין, זאל ער דאס מציע זיין.

און פונקט אזויווי עס איז נישטא קיין 'דרך הלימוד' וואס איז א דבר השוה 'לכל' נפש , אזוי אויך איז דא נישטא קיין איינצלנע מהלך וואס איז פאסיג פאר יעדן צוגלייך. און פארקערט גאר, אויב עס וועלן זיין פארשידענע פאסיגע מהלכים אין דרכי החינוך והלימוד פאר מלמדים און מגידי שיעורים, וועט יעדער אויטאמאטיש קענען אויסוועלן וואס ער וויל און וואס ער האלט אלץ מערסט פאסיג לפי המצב].

**א'** - עס איז באוואוסט, אז איינע פון די גרויסע יסודות אין רפואת הגוף איז, אז עס איז פיל גרינגער צו לעבן געזונטערהייט און פארבלייבן געזונט, ווי אויסצוהיילן א גוף וואס האט שוין באקומען א קרענק, ווייל אפצוהאלטן א הפסד איז גרינגער ווי צו דערוויטערן א שאדן וואס איז שוין געשען . על אחת כמה וכמה ווען מיר רעדן פון דאס געזונט פונעם נשמה און דער נפש האדם, דארפן מיר טון וואס מיר קענען נאר - "כל טצדקי דאית לן למיעבד", אז די איידעלע קינדער זאלן נישט צוקומען צו קיין גייסטישע קרענק ח"ו, אדער אפילו א שוואכקייט אין זייער לערנען, זייער אויפפירונג, און אין זייער שפעטערדיגער השקפת החיים.




## "לא יתן לעולם מוט לצדיק"
**(תהלים נה, כג).**

דערפאר דארף מען איינשטעלן אין די חדרים, געלונגענע מוכשר'דיגע יונגעלייט - א חוץ די מלמדים פון יעדן קלאס - וואס פארשטייען צום קינד'ס זעהל, און ווייסן וויאזוי צו רעדן צו זיי אויף א וועג אז די ווערטער זאלן אריינדרינגען אין זייער הארץ, צו עפענען זייערע הערצער צו תורה עבודה א.א.וו. די יונגעלייט זאלן קענען זען און דערקענען אויף א קינד אויב ער דארף ספעציעלע הילף און חיזוק אין עברי, טייטש, אדער אנדערע שוועריגקייטן וואס קומען צומאל אונטער, זיי זאלן קענען מעודד ומחזק זיין די קינדער צו שטייגן און זיך דערהייבן פון זייערע שוועריגקייטן, אז זיי זאלן נישט ארונטערפאלן ח"ו.

די קינדער דארפן קענען שפירן, אז דער יונגערמאן שטייט אונטער אים און וועט אים נישט לאזן פאלן. די יונגעלייט זאלן אויך קענען מאכן שלום צווישן דעם קינד און זיינס א חבר, צווישן דעם קינד און די מלמד אדער די הנהלה, און בעיקר - צווישן דעם קינד און זיך זעלבסט. דאס מיינט, אז די עיקר ארבעט פון די מחנכים זאל זיין, אז די קינדער זאלן שפירן אז זיי האבן צו וועמען זיך צו ווענדן, און עס איז דא איינער וואס איז גענצליך פריי אין זיין צייט און אין זיין הארץ און נשמה, פארן קינד'ס הצלחה.

אזוי וועט אויסקומען, אז פון ווען א קינד גייט אריין אין חדר אין כיתה א' אדער נאך פריער, ביז ווען ער גייט ארויס פון חדר אין כיתה ח' אדער ט' (און אפשר אפילו נאכדעם אויך), וועט ער האבן דעם ספעציעלן מחנך וואס ווייסט און פארשטייט צום קינד, מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות, דער מחנך וועט וויסן זיין מצב צווישן די אנדערע קינדער אין קלאס, און וואס איז זיין סטאטוס און וואס איז די סיטואציע ביי אים אין שטוב, מיט זיינע עלטערן און געשוואוסטער.

אזוי אז ווען דער מחנך וועט פארשלאגן פאר די עלטערן אדער די מלמדים עפעס א פארשלאג, לטב ולמוטב, צום ביישפיל אז ער דארף א מלמד פרטי, אדער ער דארף אביסל מער פונעם "ימין מקרבת" אדער פונעם "שמאל דוחה", וועט מען אים אויסהערן און מקבל זיין וואס ער זאגט, וויבאלד אלע וועלן וויסן אז ער רעדט נישט בלויז כדי אראפצונעמען פון זיך אן עול אין קלאס, נאר אז ער מיינט אויסדריקליך די תועלת פונעם קינד. דאדורך דעם וועט מען אויך איינשפארן אסאך עגמת נפש פון די עלטערן און די מלמדים, און שוין אפגערעדט ווי סאך דאס קען העלפן און ראטעווען דאס קינד זעלבסט.



## עברי און טייטש

**ב'** - מ'זאל איבער'חזר'ן די 'עברי' אין יעדן כיתה, געציילטע מינוטן יעדן טאג אדער וואך. אפילו אין כיתה ז' קען מען פרובירן צו לערנען מיט זיי עברי אויף א העכערע שטאפל, למשל די יוצרות אדער תרגום אונקלוס, און אין ספרים וואס האבן נישט קיין נקודות, און אין די שטיקל גמרא וואס זיי גייען הערשט לערנען די קומענדיגע וואך, וכדומה.

**ג'** - מ'זאל לערנען לשון הקודש אין **אלע קלאסן**, למשל מ'קען מאכן א געוויסע 'אוצר מילים' פון ווערטער וואס זענען נישט אזוי שכיח און באוואוסט, כדי צוצולייגן צו זייערע אלטע ידיעות.

**ד'** - מ'זאל פארזעצן צו לערנען משניות, אפילו אין די עלטערע קלאסן וואו מ'לערנט שוין גמרא. די תועלת דערפון איז פילפאכיג:

קודם כל, אז דאס קינד זאל שפירן א פארזעצונג אין זיינע לימודים (אזויווי ער זעצט פאר צו לערנען חומש רש"י), און ער זאל נישט שפירן ווי איינער וואס קומט פלוצים אן צו א לאנד וואס ער פארשטייט נישט זייער שפראך, נאר אז מ'האט צוגעגלייגט א נייע לימוד פון 'גמרא', אזויווי מ'האט צוגעלייגט די לימוד פון 'נקודות' נאך די א-ב, און דערנאך אויך עברי, און דערנאך אויך לימוד רש"י ואותיות רש"י, און דערנאך אויך משניות.

אזוי אויך, פאר די קינדער וואס עס איז זיי שווער צו פארשטיין די גמרא, וועלן נאכאלס ממשיך זיין און פארשטיין די לימוד המשניות, און זיי וועלן שפירן א טעם און הצלחה אין זייער לערנען.

און אזויווי ביים לימוד חומש רש"י איז מען מוסיף והולך יעדע יאר, סיי בכמות און סיי אין די טיפקייט פונעם לימוד, אזוי אויך קען מען צולייגן און זיך מתעמק זיין בעסער אין די לימוד פון משניות, און די מעלה דערפון איז אז עס פארמאגט נישט די געוועגליכע שוועריגקייטן וואס זענען דא ביים לערנען גמרא (ווייל די משניות זענען הלכות פסוקות, בקיצור און קיין שקלא וטריא'ס, און אין לשון הקודש, משא"כ גמרא).

## וויאזוי אויסצולערנען גמרא

**ה'** - ווען מ'לערנט גמרא, זאל דער מלמד איינטיילן די לימוד הגמרא אין א קלארן סדר: עברי, טייטש, און פשט.

דאס מיינט, אז צוערשט דארף מען לערנען די עברי פון די גמרא, און א יעדע מלמד קען זיך אויסוועלן א ספעציעלן ניגון




דערצו - אזויווי ביים לערנען משניות, און מ'זאל איבער'חזר'ן און איינגעוואוינען די קינדער צו די לשון הגמרא.

דערנאך זאל מען אויסלערנען די פירוש המילים, דאס מיינט די בלויזע טייטש פון די ווערטער, אן געבן קיין הסברים אין פשט, נאר פונקט ווי מ'האט געלערנט חומש אין כיתה א'. אזוי וועלן רוב רובם פון די כיתה - אפילו די 'שוואכע קעפ' - קענען כאטשיג די עברי טייטש, אזויווי זיי האבן ביז יעצט געקענט די חומש און משניות.

צום לעצט זאל מען אויסלערנען פשט, נאכדעם וואס מ'קען שוין די עברי טייטש פון די גמרא, און עס איז שוין אביסל אריין אין מח, קומט דער מלמד און ערקלערט אויסנווייניג די תוכן פון די גמרא, די מימרא די איבעיא די ראיה, א.א.וו. און דערנאך לערנט מען דאס פון אינעווייניג ווען מ'פארבינדט די 'עברי-טייטש' מיטן 'פשט'.

די אויפטו דערפון איז אין לשער, ווייל דורכדעם וועלן אפילו די קינדער וואס פארשטייען נישט פשט, כאטש קענען די עברי טייטש, און זיי וועלן שפירן אז זיי האבן א שייכות מיטן גמרא, נאר ס'פעלט זיי אביסל אין הבנה, און עס איז פשוט אין במשך הזמן וועלן זיי אויך אנהייבן צו פארשטיין בעסער. איך ווייס טאקע פון א כיתה ח' מלמד, וואס געבט יעדע וואך צוויי בחינות אויפן גמרא, איינס אויף די פירוש המילים דהיינו 'די טייטש', און איינס אויפן שקלא וטריא פון די גמרא ווי געוועגליך. דורכדעם קענען אויך די שוואכערע קינדער כאטש די טייטש, און זיי קענען אפילו באקומען א 'הונדערט' צייכענונג אויפן בחינה פון 'עברי טייטש', און אדאנק דעם וועלן זיי נישט שפירן ווי זיי זענען גענצליך אפגעהאקט פון די גמרא.

## יעדע לימוד דארף א באזונדערע מלמד!

**ו'** - א יעדע נושא דארף האבן א באזונדערע ספעציעלע מלמד מומחה אין דעם הינזיכט, און נישט אז עס איז דא איין מלמד וואס זיצט אין די זעלבע כיתה מיט די זעלבע קינדער א גאנצע טאג. דאס מיינט, אז ווען איינער איז א מומחה אויסצולערנען חומש, מיינט עס נישט בהכרח אז ער איז אויך א מומחה אין אויסלערנען משניות, ווייל (כאטשיג ס'מאכט זיך אמאל א מלמד וואס איז א מומחה צו אלערליי סארטן לימודים, אזויווי ס'איז דא א כלליות'דיגע דאקטאר, אבער) בדרך כלל פארמאגט יעדער זיין מומחיות לויט זיין תכונת הנפש, וואס דארט צייכנט ער זיך ספעציעל אויס. און דורכדעם וואס מ'וועט ארבעטן לויט די מומחיות, וועט דער וואס איז אויסגערופן אין זיי כח פון אויסלערנען משניות, קענען אויסלערנען משניות - נישט נאר פאר דעם כיתה, נאר ער זאל גיין פון קלאס



צו קלאס אויסצולערנען 'משניות'.

און אזוי אויך ווען מ'קומט צו לימוד הגמרא, איז אויך מעגליך איינצושטעלן א ספעציעלן מלמד נאר פאר עברי טייטש, וואס דאס וועט זיין זיין מומחיות, און א באזונדערע מלמד וואס וועט אויסלערנען די שקלא וטריא פון די גמרא, ווי דערמאנט אויבן.

איך ווייס אז עס וועט זיך שוין אפירזוכן מענטשן וואס וועלן נישט מסכים זיין מיט אזא סדר הלימוד, און וועט זאגן אז א קינד דארף איין מלמד א גאנצן טאג, ווייל אויב וועט ער דארפן לערנען פון אפאר אנדערע מלמדים וועט ער ווערן אינגאנצן צומישט, ווייל עס דויערט דאך צייט זיך צוצוגעוואוינען צו איין מלמד, און וויאזוי וועט ער זיך צוגעוואוינען צו אפאר אנדערע מלמדים. אבער דער תירוץ דערצו איז אז עס איז נישט ריכטיג, ווייל מיר אלע ווייסן אז די יונגלעך זענען במהותם מער הארטער און שטאנדהאפטיג ווי מיידלעך (ווי חז"ל זאגן (מסכת שבת ל"ג ע"ב): "נשים דעתן קלה"), און די יונגלעך מאכן נישט קיין ריכטיגע קשר (פון שעצונג און געטריישאפט) מיט זייערע מלמדים אזויווי די מיידלעך מאכן, און טראצדעם פארמאגן די מיידלעך א באזונדערע לערערין פאר יעדע נושא, און די סדר שאדט זיי בכלל נישט (און עס איז באוואוסט אז יונגלעך זענען בטבע נישט 'מקבל מרות' אזויווי די מיידלעך).

נאכמער, עס איז מסתבר אז די אמת איז פונקט פארקערט, אז וויבאלד עס וועלן זיין אסאך אנדערע מלמדים, וועט דאס קינד שפירן כאטש ביי איין מלמד, אז יענער מלמד האט אים ליב און וויל אים מאכן שטייגן און קוקט ארויס אויף זיין תועלת, און אפילו עס איז דא א קינד וואס (מיינט אז ער) קען נישט מצליח זיין אין לימוד הגמרא, און דער 'גמרא מלמד' וועט שפירן אז ער איז נישט עכט חלק פון זיין קלאס (אדער אז ער איז גאר פון די וואס שטערן די לימודים), וועט דאס אבער נישט האבן קיין שייכות מיט די לימודים פון חומש אדער משניות, און ביי יענע - גרינגערע - לימודים וועט דאס קינד קענען אנהייבן מיט א פרישקייט און א חשק, וויסנדיג אז דא קען ער באקומען גוטע צייכענונגען אויף די בחינות (און אפילו גאר פרסים, און אויסצייכענונג תעודות, וכדומה).

אין די אמת איז, אז דורך אזא מהלך וועט אפילו ביי (א חלק פון) די מלמדים זיין א גרעסערע חשק צו זייער ארבעט, וויבאלד זיי וועלן זיך אנשטרענגען אין דעם ספעציפישן לימוד מיט וואס זיי ספעציאליזירן זיך, און זיי וועלן זיך צוגרייטן מיט אלעס וואס איז נאר שייך, ווי טבלאות [טשארט"ס], און אנדערע זאכן וואס העלפן ארויס צו פארשטיין און קענען און איבער'חזר'ן דעם ספעציפישן לימוד, און אויטאמאטיש וועלן זיי אויך שפירן א גרעסערע סיפוק, זעענדיג ווי מער און מער קינדער לערנען און שטייגן אין דעם הינזיכט וואס ער לערנט אויס די תלמידים.



און כאטש וואס דאס איז טאקע דער אפיציעלער מהלך ביי די מיידל שולעס [מיט סוקסעס], איז אבער אפילו ביי די יונגלעך אויך דא עפעס א מעין דערפון, ווייל עס איז דא א באזונדערע מגיד שיעור פאר 'שיעור עיון', און א באזונדערע מגיד שיעור פאר 'שיעור בקיאות' אדער 'שולחן ערוך', און מ'זעט אז יעדער לערנט פאר דארט וואו ער ספעציאליזירט זיך. דאס וואלט מען טאקע געדארפט איינפירן ביי יעדע סארט לימוד.

## וואס טוט זיך בנוגע די בחורים?!

דאס אלעס איז געזאגט געווארן בנוגע קינדער אין תלמוד תורה, אבער בנוגע בחורים איז עס אינגאנצן א צווייטע מעשה , ווייל בשעת'ן בר מצוה זאגט מען צום בחור'ל: ביז יעצט האסטו געהאט נאר א 'יצר הרע', און יעצט וועסטו באקומען אויך א 'יצר טוב'. אבער ווען ער קוקט ארום זיך און ער זעט די בחורים וואס זענען עלטער פון אים, וואס זייער התנהגות איז און וויאזוי זיי לערנען, זעט ער שוין גארנישט קיין הוספה פון קיין יצר טוב, נאר דאס פארקערטע (און ווי די באקאנטע הלצה, אז בחו"ר איז נוטריקון ח'יה ר'עה ו'דר ב'ישיבה).

און ביי דעם יונגן בחור'ל זעלבסט, הייבט זיך שוין אויך אן די מחלה הידוע פון זיין א 'טינעידזשער'... און ער וויל אראפווארפן פון זיך אלע שעבודים און זיין א פרייע פויגל ווי זיין דמיון לויטעט, און ער האלט זיך שוין קלוגער פון יעדן איינעם, און אלעס איז ביי אים צומישט און מלא ספיקות, ווייל פון איין זייט וויל ער זיין גוט און א מתמיד און א חשוב'ע בחור, און פון די אנדערע זייט קומט זיין יצר הרע'לע און שלעפט אים.

## אויב איז (מגילה ל"א ע"ב): "בנין נערים סתירה", דאן איז דאך (תהלים קכז, א): "שוא עמלו בוניו בו"?!

איז וויאזוי ארבעט היינט צוטאגס די חינוך סיסטעם ביים בחור? ווי אויבנדערמאנט, אז ער איז סגור ומסוגר אין די ד' אמות פון די ישיבה, מיט אוועקגעשטעלטע סדרים פון שיעור עיון - וואס איז דער עיקר לימוד, שיוער בקיאות - וואס איז דער צווייטער עיקר, אדער גאר א טפל, און נאך א שיעור/סדר הלימוד אין הלכה אדער חזרה וכדומה.

א יעדער דארף אריינגיין צום שיעור יעדן טאג, אדער צו צוויי - אדער גאר דריי - שיעורים, און מ'איז נאך פארנומען מעודד צו זיין די בחורים צו לערנען אויך בין הסדרים, אז זיי זאלן זיך משלים זיין אין אנדערע מסכתות הש"ס (כדי די ישיבה זאל הייסן 'די ישיבה פון די מתמידים'...), פארשטייט זיך אז נאר חוץ פונעם מסגרת הישיבה , און אין חסיד'ישע ישיבות



מעג מען אפילו נישט שפילן באלל, און עס איז נישטא וואו זיך אויסצוגעבן, שוין אפגערעדט פון מאכן איבונגען צו סיי וואס אויסצוגעבן זיין ענערגיע, ווייל מ'האט מחליט געווען אז די תכלית פון זיין מהות און נשמה איז צו זיצן און צו זיצן, צו לערנען און צו לערנען, און דאס איז עס.

און אויב א בחור האט איבעריגע ענערגיע, אפילו אויב ער האט ליב צו לערנען און איז אפילו א מתמיד, שפירט ער זיך אבער פארשפארט אין די ישיבה קייטן, און דאן געבט ער ארויס זיין כח אדער אויף אנדערע בחורים, אדער מיט אנדערע ווילדע מעשים וואס בחורים טוען כסדר אפ, אדער געבט ער עס אויס אינדערהיים, אדער קראכט עס ביי זיך זעלבסט (וואס דאס קען נאך זיין די מערסטע מסוכן, ווייל דא בלייבט ער מיטן גייסטישן שאדן, וד"ל).

וזאת לפנים בישראל, אז ישיבות זענען געווען געמאכט נאר פאר בחורים וואס זענען באמת געווען בגדר 'נפשם חשקה בתורה', און זייער גאנצע שטרעבן איז געווען צו שטייגן העכער אין לערנען, און אסאך פון זיי זענען אויסגעשטיגן צו זיין רבנים ודיינים וגאוני ארץ, אבער היינט צוטאגס איז דער מצב אנדערש, נאר יעדע בחור'ל גייט אין ישיבה - נישט פון גרויס חשקות התורה, נאר ווייל 'יעדער טוט אזוי'.

דאס מיינט, אז בעיקר שיקט מען די בחורים (וואס זענען נישט קיין מתמידים אדער בעלי כשרון) אין ישיבה נאר כדי זיי זאלן זיך נישט דרייען אין די גאסן, וואס זענען טאקע א מקום סכנה רוחנית, און זיי קענען נישט ארויסהעלפן זייערע עלטערן אין פעלד ארבעט אדער שוסטעריי ווי אמאל. נו, אויב אזוי פארוואס נעמט מען אזא בחור צו זיין פארשפארט אין א ביהמ"ד, אין א פלאץ וואו ער קען נישט געפונען קיין סיפוק פאר זיין עצם וועזן.

## "בינו שנות דור ודור"

**(דברים לב, ז).**

מיר מוזן טראכטן וויאזוי מחנך צו זיין די קינדער, לויט די מצב פון היינט צוטאגס, און נישט לויט די מצב וואס פלעגט זיין יארן צוריק. דערפאר וועלן מיר פארשטעלן פארשידענע נקודות וואס זענען ראוי למחשבה, אויב זיי זענען ריכטיג און גוט אדורכצופירן אין די ישיבות, און מיר וועלן כאפן א בליק וואס עס טוט זיך ביי די חינוך פון די מיידלעך, און מיר וועלן זען פון זייער הצלחה אויב עס איז שייך איבערצושפילן אויך ביי די חינוך פון די בחורים.

**א'** - מ'דארף לייגן א דגוש אויף (עי' ויק"ר פ"ט פ"ג): **"דרך ארץ קדמה לתורה"**, אז קודם דארף מען זיין א 'מענטש' און דערנאך קען ער אנהייבן שטייגן אין תורה ויראת שמים, און ווי




גדולי עולם האבן שוין ממליץ געווען: "לעולם יהא אדם", און דערנאך - "ירא שמים". און דאס איז כולל די וועג און די תוכן פון די שפראך צווישן די בחורים, און די וועג וויאזוי צו רעדן צו איינער וואס איז עלטער פון אים בחכמה ובשנים, און וויאזוי זיך אומצוגיין מיט עסן (און עס נישט ווארפן צוליב'ן זיך רעגן אויפן 'מעניו' אדער דער קעכער), און דער עיקר - אז זיין שטרעבן זאל זיין צו מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן, און מקדש צו זיין שם שמים אויף דעם וועלט, דורך זיינע מעשים.

**ב'** - מ'דארף רעדן מיט די (קינדער און) בחורים איבער דאס לעבן בכלל, און איבער א מהלך וואס ער וויל נעמען אין לעבן (אלס איד) בפרט, וואס איז זיין תפקיד אויפן וועלט, וויאזוי וועט ער זוכה זיין סיי צו 'חיי שעה' אויף א גוטן וועג, און סיי צו 'חיי עולם הבא' - וואס דאס איז דאך דער סוף און תכלית צו אלסדינג, וואס איבער דעם דארף ער לייגן זיינע שטרעבונגען.

כהיום אויב מ'וועט פרעגן א קינד אדער א בחור וואס ער וויל זיין ווען ער וועט ווערן עלטער (מ'רעדט דא, שוין נאכן גונז זיין דעם קינדערישן חלום פון זיין א 'הצלה' אדער 'שומרים' מעמבער, 'עסקן', און 'פייערלעשער'), וועט מען על פי רוב הערן אז ער ענטפערט ערנסטערהייט אז ער וויל 'מאכן געלט', און אוודאי מיט א גוטע כוונה צו טיילן צדקה א.א.וו. אבער מ'וועט כמעט נישט הערן איינער וואס זאגט מיטן גאנצן ערנסטקייט אז ער פלאנט אויסצואשטייגן א גדול בתורה, אדער צו זיין א צדיק בכל דרכיו וכו'. די סיבה דערצו איז פשוט, וויבאלד מ'האט קיינמאל נישט מחנך געווען און גערעדט דערוועגן, ווי א ריכטיגער 'תוכנית' און מהלך החיים וואס איז ווערד און איז מעגליך צו עררייכן (כאטש למחצה לשליש ולרביע). און דאס איז א זאך וואס מ'דארף אריינגעבן אין די יוגענט, אז זיי זאלן זיך מתבונן זיין און צוגרייטן צום לעבן בכלל, און צו א לעבן על פי תורה בפרט.

**ג'** - עס זאל מער נישט זיין איין מגיד שיעור פאר גאנצע פיר שעה, אדער אפילו נאר פאר צוויי שעה, נאר עס זאלן זיין קורצע שיעורים פון דריי-פערטל שעה אדער א שעה, אויף אסאך אנדערע נושאים וענינים.

**ד'** - וואס די בחורים דארפן, און אפשר ווילן זיי דאס אויך, איז א בחינה פון "שירו לו שיעו"ר חדש", אנשטאטס די געווענליכע שיעורים (עיון, בקיאות, והלכה) וואס זענען היינט דא אין די ישיבות. די רשימה פון אזעלכע סטיל שיעורים זענען גאר לאנג, למשל קורצע שיעורים אין הלכות וואס מ'לערנט נישט אין ישיבה, ווי הלכות כיבוד אב ואם, הלכות כשרות (בשר בחלב, יין נסך, חלב עכו"ם, וכדומה), שיעורים אין היסטאריע - 'בינו שנות דור ודור', שיעורים אויף גדולי התורה, די גאונים און ראשונים, און מחברים פון באוואוסטע ספרים.

**ה'** - שיעורים וואס זענען נוגע פארן



גאנצן לעבן, און נישט נאר פאר די תקופה וואס זיי וויילן אין ישיבה, למשל אויף תפילה, מידות טובות, און ריכטיגע השקפה וויאזוי צו לעבן ווי א איד אינדערהיים, אין גאס, און ביי די ארבעט.

**ו'** - זאכן וואס מ'קען ווייזן פאר די בחורים, למשל וויאזוי מ'מאכט קלף, תפילין, וויאזוי א סופר שרייבט סת"ם, שופרות, וכדומה. אלעס קען מען ווייזן בפועל דורכן אריבערברענגען די מומחים אין ישיבה וכלי זיין בידם. דאס זעלביגע גייט ארויף אויף משגיחי כשרות וכדומה.

**ז'** - זיך איינ'חזר'ן און גוט אויסלערנען לשון הקודש און אראמיש, שרייבן ריכטיג, און אביסל דקדוק.

**ח'** - זיך איינצוגעוואוינען אראפצושרייבן אלעס וואס מ'לערנט (און ווי די באקאנטע טייטש אויפן מאמר חז"ל (מסת אבות פ"א מ"ו): "וקנה לך חבר", אז עס איז מרמז אויפן קנה=פעדער), און צו שרייבן א תמצית אויפן גאנצן שיעור, און וואס עס פאלט זיי ביי א חידוש פון וואס זיי האבן געלערנט אין ישיבה, אדער די שיעורים וואס זיי האבן געהערט. אדער קען מען גאר נעמען א יעדע וואך איין ספעציפישע מידה אדער השקפה, און יעדער זאל דאס צונעמען און אראפשרייבן כפי השגתו, און די וואס האבן געשריבן די בעסטע זאלן באקומען א געוויסע פרס/מתנה.

**ט'** - מ'זאל נישט מחייב זיין די בחורים אריינצוגיין צו יעדן שיעור, נאר עס זאל זיין א באשטימטע מאס אין וויפיל שיעורים ער דארף אנטיילנעמען, און ביי די אנדערע שיעורים זאל ער מעגן בלייבן אין ביהמ"ד צו לערנען, אדער - ווי דערמאנט שפעטער...

**י'** - עס זאל זיין צוגעשטעלט א באזונדערע צימער, וואו מ'זאל קענען הערן שיעורים אויף MP3 וכדומה, און יעדער זאל קענען הערן אלע שיעורים וואס זענען שוין דא צו באקומען דורך מכון '**ובלכתך בדרך**', '**קרן שמואל ישעי'**", און '**קול הלשון**'. און אין רוב שעות פונעם טאג זאל א בחור קענען האבן צוטריט צו דעם צימער, צו זיצן דארטן רואיגערהייט אויסהערנדיג א שיעור בכל מה שלבו חפץ.

**י"א** - אזוי אויך זאלן זיין אפאר קאמפיוטער'ס מיטן תורה פראגראם 'אוצר החכמה', אזוויוי עס זענען שוין דא אין אפאר ישיבות גדולות ווי מירע ישיבה, און דאס זאל זיין אפן אין ספעציעלע שעות (ווי ביי הפסקות וכדומה).

**י"ב** - עס זאלן זיין אפאר געלונגענע יונגעלייט (מעגליך אין א מסגרת פון א 'כולל' צוזאמען אדער נעבן די ישיבה) וואס וועלן מחזק זיין די בחורים, זיי אויפלעבן און שטופן צו שטייגן אין תורה ומצוות, אין מידות טובות, און אין ריכטיגע השקפות, אויף אן אופן וואס דער



בחור וועט שפירן אז דער יונגערמאן וויל באמת זיין תועלת און זיין הצלחה, און נישט אים צו אראפקלאפן און צוקוועטשן (אדער אפילו צו צוברעכן דעם יצה"ר וואס געפונט זיך אין אים).

דער יונגערמאן - וואס וועט פארשטיין צו זיינע תכונות הנפש - זאל אים קענען מייעץ זיין צו וועלכע שיעורים ער איז צוגעפאסט צו גיין , לויט זיין תכונת הנפש. און דער יונגערמאן זאל זיין דער וואס זאל אים כביכול 'פארטרעטן' פאר די הנהלת הישיבה, און פאר די בחור'ס עלטערן, אז יעדער זאל שפירן אז ער פארשטייט צום נפש און מצב פונעם בחור, מיט אלע זיינע שוועריגקייטן.

## שיעור א', שיעור ב', שיעור ג'
## "כי זה כל האדם" (קהלת יב, יג)?

**י"ג** - די עצם מושג פון האבן א שיעור א', שיעור ב', וכו', האט געצווינגען דעם בחור צו לערנען ביי דעם ספעציפישן מגיד שיעור דעם יאר, און דער בחור טוישט מגידי שיעורים יעדעס יאר. אבער אויב מ'וועט איינפירן די אויבנדערמאנטע געדאנק פון צופאסן די שיעורים לויטן בחור'ס תכונת הנפש, דאן וועט יעדע בחור קענען גיין צום שיעור וואס איז צוגעפאסט פאר אים, אפגעזען זיין עלטער. און דערפאר, אפילו אויב ס'וועלן זיין פארשידנארטיגע שיעורי עיון, איינס מער א מפולפל'דיגע שיעור מיט לומדות, איינס מער אריינקריכן אינעם דף [אדער א 'בלאט שיעור'], א.א.וו., וועט דער בחור (אדער דער יונגערמאן וואס איז ממונה אויף אים) קענען אויסוועלן וועלכע שיעור עיון איז מער צוגעפאסט צו אים, און אזוי אויך מיט אלע שיעורים.

**י"ד** - ביז יעצט האט די ווארט 'ישיבה' געמיינט, אז מ'קומט אן אינדערפרי צו שחרית אדער צו א פארטאגס סדר, און דערנאך איז דא א שיעור עיון, דערנאך שיעור בקיאות אדער שיעור שולחן ערוך, און שפעטער א נאכט סדר, און עס זענען דא מגידי שיעור פאר דעם אלעם. דער בחור פאנגט אן אין שיעור א', און א יאר שפעטער גייט ער אריין אין שיעור ב' , א.א.וו.

אבער מיט אונזער הצעה וועט זיך טוישן דער מבנה הישיבה, פון א פלאץ וואס בחורים בויען און האלטן אן די ישיבה, צו א פלאץ וואס בויט אויף די בחורים צו תורה (מיט א פיל גרעסערע אויסוואל פון ענינים און נושאים, און שיעורים וואס וועלן ארומנעמען אסאך הלכות פון ד' חלקי שו"ע, און אנדערע וויכטיגע ידיעות) און צו מצוות, צו השקפת החיים וויאזוי צו זיין א 'מענטש' און צו השקפת התורה וויאזוי צו זיין אן 'ערליכער איד' און אן 'עבדא דקודשא בריך הוא'.

אזוי אויך זאל מען טוישן די 'ציל' און ערך וואס מ'איז כסדר פארנומען איינצופרעדיגן פאר די בחורים, אז מ'דארף זיין א 'בן תורה',



און ווען ער גייט פאקטיש ארויס ארבעטן (ווי חז"ל זאגן שוין (עי' ויק"ר פ"ב): "**אלף נכנסין לביהמ"ד ואחד יוצא להוראה**") שפירט ער זיך ווי א דורכפאל, און מ'זאל פארטוישן דעם מושג מיטן ידיעה אז א 'בן תורה' איז איינער וואס פירט זיך ביים לעבן על פי תורה, סיי אינדערהיים (בין איש לאשתו), סיי ביים ארבעט (בין אדם לחבירו, ואפילו עם נכרי שבשוק), און סיי אין כולל ("**ותלמוד תורה כנגד כולם**" (מסכת פאה פ"א מ"א)), און אז אין אלע זיינע תהלוכות החיים זאל ער מקיים זיין דעם פסוק (משלי ג, ו): "**בכל דרכיך דעהו**".

און אויב מיר וועלן מקיים זיין דעם רישא דקרא: "**חנוך לנער על פי דרכו**", וואס מיינט 'על פי דרכו של כל אחד ואחד', פאר יעדן צוגעפאסט לויט זיין תכונת הנפש ווי אויבנדערמאנט, דאן וועט מקוים ווערן אויך דער סיפא דקרא: "**גם כי יזקין לא יסור ממנה**", און זיי וועלן אויסשטייגן און אויסוואקסן הערליכע פירות, ווערנדיג ריכטיגע זרע ברך ה', אכי"ר.

## "הכל הולך אחר החתום"

**(מסכת ברכות י"ב ע"א).**

לסיומא דמילתא: די גמרא זאגט (מסכת מכות כ"ד ע"א): "**בא חבקוק והעמידן על אחת, 'וצדיק באמונתו יחיה'** (חבקוק ב, ד)". אין אונזערע צייטן קען מען זאגן, אז די השקפת החיים דארף זיין דאס מקיים זיין דעם פסוק, ווי פאלגענד:

**א' – 'וצדיק'**: דאס מיינט, אז מ'דארף טון אלעס וואס שטייט אין שו"ע, און ער זאל זיך פירן כסדר ווי דער תורה הייסט, און זיין מטרה אויף דעם וועלט איז צו זיין א 'צדיק'. און ער זאל זיך נישט שעמען מיט די הרגשה, ווייל אין אמת'ן אריין איז מעגליך און מ'דארף זיין א צדיק, און מ'זאל זיך נישט מכניע זיין צו ענוה פסולה.

**ב' – 'באמונתו'**: דאס מיינט, אז ער זאל לעבן מיט אמונה, דהיינו אז ער גלייבט אין באשעפער נישט נאר טיף אין זיין הארץ, נאר ער שפירט און ער לעבט מיטן אמונה בה'. און אזוי אויך מיינט עס, אז ער זאל זיין 'נאמן' לה' מיט אלעס וואס ער טוט. און אזוי אויך, אז ער זאל זיך נישט מייאש זיין צוליב'ן נישט דערגרייכן די מטרות צו וואו ער איז נאכנישט אנגעקומען, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות יז, יב): "**ויהי ידיו אמונה**", אז ער האט נישט מפסיק געווען און ער האט נישט געשפירט א שוואכקייט אין הארץ, נאר ער האט ממשיך געווען בכל כוחו. אט דאס מיינט 'אמונה'.

**ג' – 'יחיה'**: דאס מיינט, אז די וועג וויאזוי ער לעבט זאל נישט זיין מיט א דיפרעסיע און אנגעזעצטקייט, גייסטיש אדער מענטאליש, נאר זיין גאנצע מהות און אלע זיינע מעשים זאלן זיין כל כולו פול מיט א 'לעבעדיגקייט', און נישט טריקן מיט א זויער פנים ווי מ'געפונט




אפט ביי בחורים. דהיינו, ער זאל וויסן אז דער רצון ה' איז אז ער זאל לעבן מיט אן אינערליכע שמחה, און אזוי וועלן זיינע תהלוכות החיים זיין מיט א 'לעבעדיגקייט', אזוויי מ'זאגט א ווארט אויפן פסוק (תהלים לד, יג): **"מי האיש החפץ חיים"**, אז עס מיינט צו מרמז זיין - 'מי האיש', ווער איז דער וואס מ'קען זאגן אויף אים אז ער איז אן 'איש', א 'מענטש', און דער ענטפער איז: 'החפץ חיים' - אז ער וויל לעבן, וואס זעט זיך אן דורכדעם וואס ער וויל ארויסנעמען די מערסטע תועלת פון זיין לעבן. וואס עס איז פשוט אז די כוונה איז, פאר א לעבן על פי תורה, **"כי הם חיינו"**.

ואם שלש אלה יעשה, אויב וועט ער אריינמעמען אין זיך די דריי נקודות פון 'וצדיק באמונתו יחיה', דאן וועט ער ארויסגיין פון שפירן א ביטערע טעם עבדות, און וועט אנשטאט דעם שפירן וואס חז"ל זאגן (מסכת אבות פ"ו מ"ב): **"אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה"**. און דאס איז מרומז אינעם כלל (ע"פ דברי הזוה"ק ויקרא ע"ג ע"א): **"קוב"ה אורייתא וישראל חד הוא"**, דהיינו אז 'ישראל' איז קעגן די ווארט 'יחיה', אז ער איז פרייליך און אויפגעלעבט מיטן עצם פאקט אז ער איז חלק פונעם עם ישראל הנבחר, 'אורייתא' איז קעגן די ווארט 'צדיק', וואס ער איז מקיים די גאנצע תורה און איז מדקדק במצוות, און 'קוב"ה' איז קעגן 'באמונתו', דאס הייסט אז ער לעבט מיט אמונה בה'. און די דריי זאכן 'חד הוא', ווייל בא חבקוק והעמידן על אחת: 'וצדיק באמונתו יחיה'.

און מיר וועלן זוכה זיין צו וואס עס שטייט אין פסוק (סוף קהלת): **"סוף דבר הכל נשמע, את האלוקים ירא, ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם"**.

## נספח: מכינה לישיבה

וויבאלד מיר זענען אנגעקומען צו פארשטיין די נחיצות הענין פון פארבעסערן די היינט צוטאגיגע חינוך סיסטעם, און עס איז א פארשטענדליכע און פשוט'ע זאך אז עס איז זייער שווער צו טוישן סיי וואס אויפן וועלט, און אוודאי די חינוך פון אונזערע קינדער - וואס דאס איז דאך דער קיום פון די וועלט, איז דאך פשוט אז מ'קען נישט גענצליך טוישן די מצב החינוך אין איין טאג, און ווי יעקב אבינו האט געזאגט (בראשית לג, יג): **"כי הילדים רכים, והצאן והבקר עלות עלי, ודחפום יום אחד ומתו כל הצאן"**, דערפאר לאמיר דא פארשלאגן איין גרויסע און וויכטיגע געדאנק, וואס איז אבער אויך פארשטענדליך און אקצעפטירבאר.

עס איז דא א כיתה - אדער א יאר - דורכאויס א קינד'ס יארן אין חדר, וואס עס איז אומקלאר וואו אהין די ספעציפישע יאר באלאנגט, און דאס איז כיתה ט' אין תלמוד תורה, וואס איז אויך די לעצטע יאר אין ת"ת, און אפטמאל איז עס שוין שייך פארן ישיבה קטנה, און עס איז תלוי אין יעדע מוסד'ס




סיסטעם וויאזוי מסדר צו זיין די כיתות.

אבער אונזער פראגע איז, וועלכע וועג איז בעסער פארן חינוך און שטייגן פונעם בחור? אזוי ווי ביי יעדע זאך אויפן וועלט, זענען דא צדדים לכאן ולכאן, ווייל פון איין זייט זענען זיי נאכגישט געווען ערוואקסן צו קענען אריינגיין אין ישיבה, און פון די אנדערע זייט זענען זיי שוין צו ערוואקסן פארן געווענליכן תלמוד תורה סיסטעם.

יעצט לאמיר אריינקלערן וואס גייט פאר מיט א יונגע בחור'ל פון כיתה ט', וואס איז נישט פארבליבן אין חדר נאר איז געגאנגען אין ישיבה קטנה, וויאזוי און וואס שפירט ער אז ער האט קונה געווען אין זיין ערשטן יאר אין ישיבה, און וואס זעט ער ווי א הכנה צו די וויכטיגסטע יארן אין זיין לעבן, 'שבתי בבית השם' אינעם ישיבה.

די בחורים פון די עלטערע כיתות פירן זיך צו ווייזן פאר די יונגע נייע בחורים (ווער איז די 'בעל הבית') אז זיי זענען עלטער פון די נייערע, און זיי האבן גרעסערע מעגליכקייטן אין לערנען ווי אין מאכן 'טראבל'... אזוי ארום קומט אויס אז די כיתה ט' בחורים וואס געפונען זיך אין ישיבה און קוקן זיך אום, וואס זעען זיי? צו וואס וועלן זיי דערגרייכן און צוקומען מיט די צייט? אנשטאטס זען אז מיט יעדן פארבייגייענדן יאר וואס א בחור געפונט זיך אין ישיבה ווערט ער מער דערהויבן, און שטייגט מער און מער אין מדריגות בלימוד התורה, בתפילה, ביראת שמים, ובמידות טובות, זעט ער גאר דאס פארקערטע, אז וואס עלטער מ'ווערט אלס מער פארמינערן זיך זיינע מדריגות אין אלע הינזיכטן.

ווידעראום אויב בלייבט ער אין תלמוד תורה, דאן איז ער אין די עלטסטע קלאס אין חדר, און ער האט מער 'רעכטן' ווי די קלענערע קינדער, און די כיתה ט' קינדער ווייזן טאקע זייער כח און צולאזטקייט פאר די קינדער פון די יונגערע קלאסן א.א.וו. (און ער איז שטארק מקפיד אויף זיין כבוד, ווייל ער איז שוין א "בחור", און זאל זיך נאר איינער דערוואגן זיך מתחצף צו זיין אנטקעגן אים). און אנשטאטס צו ווייזן פאר זיך און פאר אלעמען, וויאזוי ער שטייגט אין מעלות וחכמות התורה, און אין יר"ש און מידות טובות, פארפאטשקעט ער זיין צייט און זיינע כשרונות אנצוהאלטן זיין סטאטוס אלס בחור און ערוואקסענער.

***

צוליב אט דעם צוויפאכיגן פראבלעם, האבן אפאר מוסדות מחליט געווען צו מאכן א ספעציעלע כיתה פאר די כיתה ט' בחורים, און עס הייסט א "מכינה לישיבה קטנה", און דערפאר איז עס נישט די סוף פון די תלמוד תורה, און נישט די אנפאנג פון די ישיבה קטנה, נאר בגדר (במדבר כג, ט): **"עם לבדד ישכון"**, זיי צו דערהייבן און גרויס מאכן לשם ותפארת, און



נאכדעם וועט מען מקיים זיין דעם "באו בניך לדביר ביתך" מיט א רואיגקייט.

אבער נישט אלע מוסדות און ישיבות האבן שוין מסדר געווען אזא סיסטעם, צוליב פארשידענע סיבות, און אזוי אויך קענען נאר מוסדות וואס פארמאגן סיי א ת"ת און סיי א ישיבה קטנה, אדורכפירן אזא סדר.

און אפילו די וואס האבן שוין יא א כיתה ט' אלס 'מכינה לישיבה', ווייסן פארט די בחורים'לעך אז דאס איז נאר א המשך און אמצעי צווישן חדר און ישיבה, און ממילא ווייסן זיי אז סיי אויב זיי לערנען ווי עס באדארף צו זיין, און סיי אויב זיי שטופן די צייט, וועלן זיי סיווי ממשיך זיין אין ישיבה - וויבאלד זיי זענען שוין אינעם ישיבה סיסטעם, זייענדיג אינעם 'מכינה לישיבה'. אזוי קומט אויס, אז עס איז נישטא וואס זאל טרייבן די בחורים - וואס האבן נישט בטבעם קיין שטארקע טרייבסקראפט און חשק צו שטייגן אין לערנען וכו', וויבאלד זיי זענען סייווי ממשיך אינעם סיסטעם.

***

און דערפאר קומען מיר דא מיט א געוואלדיגע פארשלאג וואס איז פארשטענדליך פאר יעדן, צו מאכן א ספעציעלע מוסד וואס זאל באשטיין נאר פון איין כיתה המכינה לישיבה.

און וויבאלד דאס וועט זיין א ספעציעלע כיתה נאר פאר איין יאר, און מ'קען נישט בלייבן און ממשיך זיין און דעם מוסד א יאר שפעטער, וועט דער געדאנק זעלבסט שטופן דעם בחור אריינצולייגן אלע זיינע כוחות צו שטייגן אין לערנען, אין דאווענען, אין התנהגות בין אדם לחבירו, א.א.וו. וויבאלד דער בחור ווייסט אז נאך דעם איין איינציגן יאר גייט ער גלייך אריין אין א רעגולערע ישיבה, און ער איז גענצליך פארענדיגט מיט דעם מוסד, און ער וועט פארשטיין אז וואס די הנהלה דא וויל איז נאר זיין טובה און די טובה פון זיין צוקונפט.

און וויבאלד די גאנצע מדובר איז נאר איין יאר, קען מען אויסשטעלן די סדר הלימודים לויט ווי עס זעט אויס אין די אויגן פון די מחנכים, צוגעפאסט פאר די בחורים, צו קענען משקיע זיין אין זיי שטארקע כוחות אין אלע הינזיכטן, און זיי צוגרייטן צום לערנען אין ישיבה.

מיר וועלן דא אראפלייגן פארשידענע וויכטיגע יסודות וואס איז אמבעסטן אויסצולערנען די בחורים אין ספעציעלן מוסד 'מכינה לישיבה', וואס וועט זיי באגלייטן פאר די קומענדיגע וויכטיגע יארן אין ישיבה:

***

קודם כל, דארף א יעדע בחור קענען גוט לשון הקודש, און אראמיש פון די גמרא,




ווייל אסאך פראבלעמען וואס מ'זעט ביי יונגלעך און בחורים, סיי אין פארשטיין דאס לערנען און סיי אין חשק צו לערנען, און אפילו בנוגע זייער אויפפירונג מיט די חברים אדער די הנהלה, קומען אריגינאל פון דעם וואס מ'פארשטייט נישט וואס מ'לערנט, ווייל אויב ס'איז זיי שווער צו פארשטיין די טייטש פון די גמרא, וויאזוי זאלן זיי זיך פארטיפן צו פארשטיין פונקטליך די גאנצע שקלא וטריא, נאכדערצו מיט די מפרשים.

און אזוי אויך די מעלה פון אראפשרייבן, דהיינו אז יעדע בחור'ל זאל וויסן וויאזוי אראפצושרייבן (אין אידיש, אדער) אין לשון הקודש, די תמצית וואס ער פארשטייט אינעם סוגיא, אדער אפילו זיינע חידושים, און אראפשרייבן די שיעורים וואס ער לערנט.

אזוי אויך איז וויכטיג, אז יעדע בחור זאל וויסן וויאזוי צו רעדן קלארערהייט, און ער זאל קענען מסביר זיין גרינג און קלאר אן קעקעצן און זיך מוטשען, ווי עס איז באקאנט די ווארט: "אז עס פעלט אין הסברה, פעלט אין הבנה".

**גמרא** - זיי זאלן וויסן וויאזוי מ'גייט צו צו א שטיקל גמרא, מ'דארף זיי אויסלערנען כללי הלימוד, דהיינו די 'צורתא דשמעתתא', פארוואס און וויאזוי און מיט וועלכע כלים מ'דארף זיך פארטיפן, און דאס לערנען גמרא שלא בעיון [וואס מיר רופן 'בקיאות'] פארוואס און וואיזוי מ'לערנט דאס אין ישיבה (געדענק אז מ'רעדט דא פון 'חדר בחורים'לעך', וואס האבן נאך קיינמאל נישט בייגעוואוינט א ישיבה סיסטעם), און מ'זאל אוועקשטעלן די לימוד פאר יעדן בחור באזונדער באזירט אויף זיינע כשרונות און זיין חשק.

**תפילה** - מ'זאל זיי געבן צו פארשטיין וואס איז דאס 'תפילה', וויאזוי דאווענט מען, פארוואס דארף מען דאווענען (דער באשעפער ווייסט דאך ממילא אונזערע געברויכן), א.א.וו.

**השקפה** - וויאזוי און וואס דארף זיין די השקפת העולם ביי א איד, און וואס איז די השקפת העולם ביי א ישיבה-מאן, וויאזוי לעבט מען בדרך התורה, וואס דארף זיין די השקפה פון א בחור'ל אין ישיבה פאר זיך זעלבסט. אזוי אויך דארף מען זיי אנגרייטן צום לעבן אין אלע מצבים, סיי אויב ער וועט זיין א בן תורה אדער 'כלי קודש', און סיי אויב ער וועט ארויסגיין ארבעטן, סיי אויב ער איז אן ארבעטער אין א געשעפט, און סיי אויב ער פירט ביזנעסער. און כאטש וואס בעצם זענען די זאכן נישט נוגע ביז א גוטע פאר יאר שפעטער, איז אבער היינט צוטאגס ווען די צומישטקייט און טשטוש הגבולים ווערט שטערקער און מערער, און אונזער השקפת העולם ווערט אומקלאר און די חשכות פון די וועלט שטארקט זיך יעדן טאג, דארף מען אוועקשטעלן און איינ'חזר'ן די זאכן מבעוד יום, הגם וואס ביז אונזערע צייטן זענען זיי געווען דברים פשוטים פאר יעדן.




**בשבילי נברא העולם** - דאס איז אן עיקר גדול, ובפרט במשך די בחור'ישע יארן, אויסצוקלארן און אוועקשטעלן די פונדאמענט פאר יעדן בחור, אז ער זאל גלייבן אין זיך, אין זיין נשמה, און אין זיינע ספעציעלע כוחות הנפש וואס מ'האט אים געגעבן פון הימל. ער זאל וויסן וויאזוי ארויסצונעמען 'מן הכח אל הפועל' די אלע כשרונות מיט וואס ער איז באשאנקן געווארן, אז ער זאל נישט אריינפאלן אין קיין בורות שאין בהם מים - של תורה, אבל נחשים ועקבים יש בהם, פן יאוש און אלע מיני ספיקות און נסיונות החיים, און חיי התורה בפרט, און אלע סארטן ספיקות און צומישעניש וואס באגלייטן דעם בחור אין ישיבה, וואס רבים חללים הפילה.

**מוסר און מידות טובות** - וואס איז דאס און וויאזוי פירט מען זיך, וויאזוי דארף א ישיבה בחור לעבן מיט זיינע חברים בדרך המוסר, און וויאזוי ער דארף לעבן מיט זיין משפחה דורך מוסר, און וויאזוי ער דארף זיין לעבן 'נאכן פארענדיגן די ישיבה' דורך מוסר.

**חסידות** - וואס איז דאס לימוד חסידות, און וואס איז דאס 'זיין א חסיד', וויאזוי און מיט וואס איז אנדערש זיין דאווענען, לערנען, און יעדע מצוה, אלס חסיד. און דער עיקר - וויאזוי צו לעבן און זיך צו פירן מיט אלע זיינע מעשים על פי חסידות.

און וואס עס איז זייער וויכטיג און נוגע ספעציעל פאר בחורים, איז מקיים צו זיין דאס וואס דער חכם מכל אדם (ווי עס שטייט אויף אים "ויחכם מכל אדם", אפילו פון בחורים...) האט געזאגט (סוף קהלת): "סוף דבר הכל נשמע, את האלוקים ירא, ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם". וואס מען קען טייטשן, אז דער 'סוף דבר' צו א יעדע זאך איז - 'נשמע', צו קענען זיין גרייט צו הערן פון אנדערע און מקבל זיין וואס זיי זאגן (וואס איז בדרך הטבע זייער שווער פאר בחורים, ווי מיר רופן דאס א טיע"ן עידזשע"ר), און נאכדעם וועט ער קען זיין א 'ירא שמים', און ממילא וועט ער שוין אויטאמאטיש זיין בבחינת 'ואת מצותיו שמור', וואס דער געדאנק פון אלץ איז - 'כי זה כל האדם', כדי צו זיין א 'מענטש'.

***

און טראצדעם וואס איין יאר אליינס איז נישט גענוג פאר די אלע אויבנדערמאנטע יסודות, פארט אבער קען ער אין יענע יאר איינקויפן גרויסע אוצרות, חשוב'ע קנינים אין די דרכי ואופני לימוד התורה וחשיבותה, אין עבודת ה' און תפילה, אין השקפת עולמו על פי תורה - דורך מוסר און חסידות, און דער יסוד היסודות - צו גלייבן אין זיך זעלבסט אז ער קען שטייגן און וואקסן און זיך דערהייבן, לשם ולתפארת ולתהילה עד עולם.

-------

ארייגעשיקט דורך הר"ר **יהודה מ.** שליט"א, אלס איבערזעצונג פונעם קונטרס '**מצב החינוך בימינו**' אין לשה"ק.




# א שמועס מיט א
# צומישטער יונגערמאן

**ר' אביגדור**: אה! ר' נחמן! גוט דיר צו זען נאכאמאל. נאר דו זעסט מיר נישט אויס צופיהל בעסער ווי יענע וואך.

**ר' נחמן**: א גרויסע דאנק פאר די זאכן וואס דו האסט מיר געזאגט יענער וואך. ס'האט זיך מיר טאקע ארומגעדרייט אין קאפ א גאנצע וואך. איך האב זיי איבער געקייעט און איבער געטראכט, און ס'האט מיר געגעבען א שטיקל טרייסט.

**ר' אביגדור**: אויב אזוי, פארוואס איז דאס נישט קענטיג אויף דיין פנים?

**ר' נחמן**: איך מוטשע זיך מיט א נייעם זאך. אבער דאס איז נישט קיין ספקות און נישט קיין מחשבות, נאר אן אויסגעוואונליכער כעס.

**ר' אביגדור**: כעס?! בלב כסילים ינוח, ס'פאסט נישט פאר דיר. וואס רעגט דיר אזוי אויף?

**ר' נחמן**: טאמער ס'איז טאקע אזוי, טאמער דער מענטש איז אזוי אויסגעשטעלט צו רייזן אליינס, טא פארוואס האט מיר דאס קיינער אויסגעזאגט פאראויס? פארוואס בין איך אזוי נתחנך געווארן, אז אלס טוט זיך אין שטיבל אין מקוה צווישן די משפחה און צווישן אנדערע מענטשן? פארוואס האט מען מיר געצווינגען זיך צו שטופן און שטיין אויף די פארענטשעס פון כ"ק אדמו"ר מ'יענעם? פארוואס האבען מיינע עלטערן צו מיינע

מלמדים נישט געהאט די מענטשליכקייט מיר צוצוגרייטן פאר די מאמענט, ווען מיין קאפ וועט אליינס ארבעטן? איך מיין אזא שטארקע אויפרייס אין לעבן וואלט געמעגט קומען מיט אביסל צוגרייטונג, פונקט ווי עלטערן לערנען אויס א קינד צוצובינדן די שיך, עסן מיט א גאפל און זיך האלטן ריין.

**ר' אביגדור**: א געוואלדיגע טענה האסטו. איך האב נישט קיין תירוץ, קיין ווערט זיי צו פארטיידיגן. ביסט גערעכט, זיי וואלטן געדארפט עפענען זייער קאפ און דיין קאפ, דיר צו געבן די כלים זיך צו רעכענען מיט דיין מענטשליכער וועזן, און דאס אויפצובויען. דיין צארן איז ברייט בארעכטיגט. זיי האבן געוואלט עפעס אויפבויען, זיי האבן דיר געוואלט מחנך זיין צו א לעבן פון תורה, און זיי זענען נאכגעגאנגען יעדער אינסטינקט אין דער ריכטונג. ס'איז לייכטער געווען צו לייגן די גאנצע ציבור אין איין גרויסע טאפ און זיי מישן צוזאמען, און אזוי האבן זיי געטוהן, נישט געבנדיג א חלק פאר די שכל זיך צו בויען, וואס דאס וואלט נישט געדינט דער אינסטינקט.



איך וועל דיר עפעס זאגן. ווען איך דאוון אין שול און איך זע איינער וואס זיין תפילין שטייט אים קרום, נישט כנגד עיניו, קוק איך גלייך אויף מיינע אייגענע תפילין צו ס'איז נישט ארויסגעפאלן פון איהר פלאץ. פארוואס? ווייל מיין ערשטע מחשבה איז "טאמער זיינס איז ארויס פון פלאץ, פארוואס נישט מיינס?". דער "רואה סוטה בקלקולה" איז דער ערשטער צו וויסן, זיך שטארק צו היטן פון נאכמאכן די גרייז, און דערפאר "יזיר עצמו מן היין".

ביסט גערעכט, דיינע עלטערן און מלמדים האבען פארנאכלעסיגט א חלק פון דיין אנטוויקלונג אלס מענטש, און דיין בילדונג אלס א בעל דעת. ס'איז אן עוולה זייערע, א נאכלעסיגקייט, און א פעלער. דאס נאכגיין דער צייטווייליגער אינסטינקט אויפן חשבון פון דער אמת איז אינגאנצן נישט אויסגעהאלטן.

יעצט ווען דו שטייסט אין א מצב אז דו ווילסט פארערכטן די פראבלעם, ווילסט זיך משלים זיין אין וואס ס'פעלט דיר פון די חינוך, דו ווילסט זיך אליינס מחנך זיין, מאך זיכער נישט אריינצופאלן אין דעם זעלבן גרוב. מאך זיכער אז דיין ארבעט האט נישט דער פעלער. טוה נאר מיט שכל, מיט א בליק אויף פאראויס, א בליק פון א רואה את הנולד. מאך נישט דער טעות פון טראכטן, אז די איינציגסטע נושא וואס ס'שטייט פאר דיר איז אויסצוראטן דעם טאטנ'ס גרייזן.

**ר' נחמן**: ווי קען מען אזוינס טוהן? נאך אזא מין שטארקע עוולה זאל איך מיר איינהאלטן און שווייגן, און נישט צוריקגעבן פאר אזא מין פארברעכן? ס'קומט זיך דען פאר זיי צו שעדיגן און דערנאך פארדינען?

**ר' אביגדור**: ביסט נאכאמאל גערעכט, אבער דאס איז נישט מיט שכל גערעדט. דאס איז דיין הרגש, טאקע א פארשטענדליכער הרגש, אבער פארט נאר א מענטשליכער הרגש. טאמער דו לאזט זיך געפיהרט ווערן פון די הרגש דיינער, ביסטו גארנישט בעסער ווי זיי.

**ר' נחמן**: אין דעם ביסטו טאקע גערעכט. ס'איז אבער ביטער שווער זיך איבערצוהערשן די הרגש, און זיך אויסקומען מיט די מסקנא.

**ר' אביגדור**: יא, אזוי איז דער מענטש. ער זעט וואס עס שטייט איהם אין פנים, און נישט

צופיהל ווייטער. דער שניידער זעט נאר דער אנצוג פון א מענטש, און דער שערער זעט נאר די האר. א מענטש וואס נוצט זיין שכל זעט אלס וואס זיין שכל קען באגרייפן, און אז ער זעט עס נאך נישט, מוז ער זיך צוגעוואוינען ביז ער קומט אן צו זיין אן אמת'ער בעל שכל.

**ר' נחמן:** איך זע שוין וואס דו צילסט אויפן אמת! אבער למעשה ביסטו גערעכט.

**ר' אביגדור:** וואס? ווען? וואס מיינסטו ליגט אונטער מיינע ווערטער? איך רעד פשוט וואס קומט מיר אין באטראכט!

**ר' נחמן:** דו ווילסט אז איך זאל אנהייבן צו פארשטיין און מוחל זיין וואס זיי האבן געטוהן. ביסט טאקע גערעכט. טאמער זיי האבן מיר אזוי מחנך געווען צוליב זייער אינסטינקט אזוי ווי איך וויל נוקם זיך זיין אין זיי צוליב מיין אינסטינקט, פארשטיי איך טאקע פארוואס זיי האבן אזוי געטוהן. וואס פאר א ברירה האבען זיי געהאט, בשעת זיי זענען נישט געווען וואך צו די פראבלעם? זיי האבן דען פארשטאנען פארוואס זיי טוען אזוי? איך בין אבער יא וואך צו די פראבלעם, האב איך נישט זייער תירוץ.

**ר' אביגדור:** איך האב דאס טאקע נישט געמיינט, אבער דו זאגסט זייער גוט. כעס בלב כסילים ינוח. ווען א מענטש האט כעס, קען ער נישט טראכטן גוט, ער קען נישט טראכטן גלאט און ער מוז מאכן גרייזן.

מיר מיינען, אז א יעדע זאך וואס מיר טוען איז געבויט אויף אונזער מיינונג, אונזער פארשטאנד. יעדער איינער האט א חשבון וואס איז וויכטיגער און וואס איז ווייניג וויכטיג, און ער פיהרט זיך אויף לויט די לייטער. למעשה זענען די פעולות פון א מענטש אויסגעמישט צווישן נויטיג און וויכטיג, וואס זענען צוויי ערליי זאכען וואס צומאל באגעגענען זיי זיך.

פיהל משלים קענען מיר זאגן אין דעם. ולדוגמא: יעדער איינער וועט דיר זאגן אז זיינע קינדער זענען וויכטיגער ווי זיין געלט. טאמער אבער האלט ער אינמיטן ארבעט, לאזט ער נישט די קינדער שטערן. פארוואס? ווייל יעצט איז די ארבעט נייטיגער. טאמער אבער מ'טוט נאר די נויטיגע זאכן און נישט די וויכטיגע, איז מען פונקט ווי א בהמה וואס ווייסט נישט מער ווי איהר עסן און טרונקן. דעריבער דארף מען זיך זוכן צייט און רואיגקייט צו קענען בויען אן אינערליכן לעבן.



ווען א מענטש לעבט אין א רואיגע מצב, זיין צייט איז רואיג און זיין קאפ איז קלאר, דעמאלס קען ער ערשט טראכטן וואס איז דער וועלט, וואס איז דער מענטש, און מה חובת האדם בעולמו. ווען מ'נעמט זיך אריינטראכטן אין א רואיגער אופן, נישט אן אופן פון רעאגירונג צו א צווייטע זאך, קען מען ארויסקומען מיט א קלארע זאך, ווארום קיין אנדערע זאך מישט זיך נישט אריין מיט דרינגענדע פליכטן, וואס מאכן אזא אנשטעל כאילו זיי זענען וויכטיגער.

און דעריבער איז וויכטיג אין די רייזע זיך צו האלטן רואיג און קלאר, נישט כאפן קיין טריט און נישט פארקריכן מיט רגשי אהבה ושנאה. אזוי וועסטו קענען נוצן דיין שכל ערגעץ אנצוקומען, אזוי וועסטו זיך ארויסדרייען פון דער פלאנטער אין וואס דו געפונסט זיך. ■

------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען **'ליטוואק פון בודאפעסט'** אויפן פאפולערן **'קאווע שטיבל'** וועבזייטל.



## וואס
# מייקל פעלפס
## לערנט אונז

ביי די זומער-אלימפיקס אין ריאָ פארגאנגענעם אויגוסט, האט מייקל פעלפס ווידעראמאל באוויזן אומגלויבליכע דערגרייכונגען, און האט פארגרעסערט זיין זאפאס פון מעדאלן צו 28, דריי-און-צוואנציג דערפון גאלד - דאס מערסטע פון סיי וועמען אין דער היסטאריע. פעלפס איז מער ווי אן אינדיווידועל - ער איז אן ערשיינונג, א געשעעניש וואס פאסירט נאר איין מאל אין דורות.

פעלפס האט אנגעהויבן זיין אלימפיקס קאריערע אין דעם 2000 סעזאן, אלט זייענדיג 15 יאר. אין 2004 האט ער געוואונען זיין ערשטן גאלד מעדאל, און האט ווייטער געזאמלט גאלד אין לויף פון די ווייטערדיגע אלימפיק סעזאנען.

עס איז נאטירליך אז פעלפס איז שטארק בארימט איבער דער גאנצער וועלט, און מיליאנען מענטשן זעען אים ווי א גיבור און מוסטער. פעלפס' געשטעלט איז וועלטבארימט, און זיין גוף איז פאסיג אלס א סימבאל פון אלימפיקס - דער גריכישער פארמעסט וואס פארגעטערט דעם מענטשליכן קערפער.

די שיינקייט און מאיעסטעטישקייט פון דעם מענטשליכן גוף האט נישט איבערגעהיפט אונזער פאלקלאר און מסורה, און מיר געפונען שילדערונגען אין דער תורה און אין חז"ל איבער מענטשן וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט שיינקייט: שרה, רבקה, רחל, יוסף, אבשלום, רבי יוחנן, און נאך. דער פסוק טיילט אפילו איין מענטשליכע שיינקייט אין צוויי קאטעגאריעס: אויסזען און געשטעל - "ויהי יוסף יפה תואר, ויפה מראה." אלזא, ווען מ'רעדט פון "תואר", דעם מענטשליכן געשטעל, זענען די אלימפיקס מחותנים.

ווען מ'קוקט אן דעם גרויסן טשאמפיאן ווערט מען דערשטוינט פון זיין אויסערגעוויינליכן גוף - שטאל-געבויעט מיט מאסיווע דעמענסיעס. פעלפס איז הויך 6.4 פיס, און פארמאגט א פליגלשפאן (לענג צווישן די שפיץ פינגער פון ביידע הענט) פון 6.7 פיס. זיינע ביינער און געלענקען זענען באפעסטיגט מיט אומגעהויערער בויגזאמקייט און מאכט. די קאפאציטעט פון זיינע לונגען זענען 12 ליטער, טאפלט פון א געווענליכן מאן. פעלפס איז א וואונדער פון דער בריאה, און דערפאר האט ער מער ווי טאפלט גאלד מעדאלן ווי סיי וועמען אין דער געשיכטע.

אבער פאוואליע. אמת אז איינער וואס איז נישט געבענטשט מיט פעלפס' אייגנשאפטן וועט מסתמא נישט קענען אנקומען אזוי ווייט ווי אים. אבער זענען זיינע אויסערגעוויינליכע פיזישע ברכות גענוג געווען אים ארויפצושטעלן אויף דעם שפיץ פון הצלחה? אבסאלוט נישט.

מייקל פעלפס האט זיך איבערגעגעבן פאר זיין הצלחה מיט קאנצענטראציע און התמדה וויסנדיג אז ער האט פאר זיך א ציל: צו זיין דער בעסטער שווימער אויף דער וועלט. מ'קען געבוירן ווערן מיט די בעסטע גענעס און כשרונות, אבער אויב פארמאגט מען נישט דעם ווילן, אייפער און אנטשלאסנקייט זיך גענצליך איבערצוגעבן פאר דעם ציל וועט מען קיין ערגעץ נישט אנקומען. טראץ פעלפס' אויסערגעוויינליכער פיזישער געשטעל, האט ער פארברענגט אומגעהויערע סכומים שעות זיך צו לערנען און פארבעסערן.

דורכאויס א תקופה פון פינף יאר האט פעלפס נישט פארפעלט אפילו איין איינציגן טאג פון שווימען 3-6 שעה! יעדן טאג האט געמיינט **יעדן טאג**, אפילו חגאות און שמחות. ווען א זשורנאליסט האט אים געפרעגט פארוואס ער האט זיך נישט פארגינט וואקאציע פאר איין טאג א וואך, האט פעלפס געענטפערט, "אויב דו ווילסט זיין דער בעסטער, דארפסטו טון וואס אנדערע מענטשן זענען נישט גרייט צו טון. איך האב געהאלטן אז אזוי וועל איך דורכאויס יעדעס יאר באקומען כאטש 52 טעג טרענירונג מער ווי סיי וועמען."

פעלפס לערנט אונז התמדה, פערסיסטענס בלע"ז. ווען מ'האט דער ציל פאר די אויגן דארף מען גיין און אנגיין




*מייקל פעלפס אונטערן וואסער*

דערמיט. עס איז נישט קיין נפקא מינא אז מ'איז שוין גוט אדער מ'איז נישט גענוג גוט. מ'לייגט זיך אריין לייב און לעבן און נאר אזוי קען מען דערגרייכן.

דאס לערנט אונז אויך דער שרייבער מאלקאלם גלאדוועל אין זיין בארימטן בוך Outliers, וואו ער איז מאריך מיט'ן אויפווייזן אז דער גרעסטער באשטאנדטייל פון סוקסעס איז נישט כשרון, נאר התמדה. גלאדוועל שטעלט אוועק דער "10,000 שעה כלל" - עס וועט נעמען פאר א מענטש בערך 10,000 שעה פון פראקטיצירן צו ווערן א מומחה אין א פעלד. נאכקוקנדיג די גרעסטע מומחים אין מוזיק און אין אנדערע טאלאנטן האט געוויזן אז התמדה, אנגיין און נישט מיד ווערן, האט זיי געברענגט צו וואו זיי זענען אנגעקומען.

מייקל פעלפס לערנט אונז נאך א לעקציע. אין 2014 איז ער ארעסטירט געווארן נאכ'ן געכאפט ווערן דרייוון אנגעטרונקען. פעלפס איז אריינגעפאלן אין א שווערער דעפרעסיע, און האט כמעט דערגרייכט צו א מצב פון זעלבסטמארד. נאך חיזוק פון זיין חבר דער גרויסער פוטבאל שפילער רעי לואיס, האט ער אוועקגעקוקט אויף די


Shutterstock.com/ Mitch Gunn

שוועריגקייטן, און האט מחליט געווען זיך צוריק אריינצונעמען אין די הענט. ער האט אנערקענט אין זיינע באגרעניצונגען זיך אליין צו העלפן, און האט זיך איינגעשריבן אין א פסיכאלאגישער טראומא און אדיקשאן באהאנדלונג צענטער, און גענוצט יעדן געצייג וואס ער האט נאר געקענט, זיך צו העלפן צוריקכאפן. ווייניגער ווי צוויי יאר שפעטער איז פעלפס געווען צוריק אין די אלימפיקס און האט ווידער געבראכן יעדן רעקארד אין דער היסטאריע.

התנערי מעפר קומי. ביסט צוריקגעפאלן, די וועלט זעט אויס פינסטער, עס זעט אויס ווי עס איז שוין נישט דא קיין סיבה אויף צו לעבן, זוך און נישטער צו טרעפן נאך איין פונק און צינד עס אונטער מיט די לעצטע כוחות.

ווען מיר קוקן אויף א מוצלח ווי מייקל פעלפס דארפן מיר וויסן און געדענקען אז נישט נאר זיינע כשרונות האבן אים געברענגט צו וואוהין ער איז אנגעקומען, נישט נאר זיינע פיזישע טאלאנטן און קראפט, נאר אויך - און נאך וויכטיגער - זיינע גייסטישע כוחות, זיין התמדה, זיין אנטשלאסנקייט צו גיין און אנגיין איינמאל און נאכאמאל, זיין אנערקענונג צו נעמען הילף ווען נויטיג, דאס האט אים ארויפגעשטעלט אויף דעם עווערעסט פון מענטשליכער דערגרייכונג.




## וואס אונזערע עלטערן און מחנכים דארפן לערנען

אין עלטער פון 9 יאר איז מייקל פעלפס דיאגנאזירט געווארן מיט ADHD - אטענשאן דעפיציט הייפעראקטיוויטי דיסארדער, דאס איז א גייסטישע אומארדענונג וואס שפילט זיך אויס אין פראבלעמען זיך צו קאנצענטרירן און צולייגן קאפ. ADHD ברענגט אויך אויפפירונג-פראבלעמען פאר קינדער וועלכע ליידן דערויף. פעלפס' מאמע, דעבי, א לאנגיעריגע לערערין און מנהלת אין א באלטימאר שולע, איז טאקע געווען צעבראכן הערנדיג דעם דיאגנאז, אבער זי האט פארשטאנען וויאזוי זיך אומצוגיין מיט איר קינד.

אנשטאט ארבעטן אז מייקל זאל זיין "נארמאל" ווי יעדן, האט זי אים אויפגעבויט מיט די טאלאנטן וועלכע ער האט פארמאגט - זי האט אים מחזק געווען און געהאלפן שטייגן אין שווימען, און אזוי איז געבויט סיי ווי א מענטש מיט אינטערעסן, א האבי, און א קאריערע, און סיי ווי איינער פון די גרעסטע מוצלחים אין היסטאריע. דורך זיין אינטערעסע אין שווימען האט זי אויך באוויזן אריינצודרונגען אין אנדערע לימודים. אנשטאט ער זאל זיך מוטשען מיט א רעכענען פראבלעם וואס פארמאגט מושגים וועלכע האבן אים נישט אינטערעסירט, האט זי עס איבערגעארבעט אויף: "ווי לאנג וואלט עס גענומען צו שווימען 500 מעטער אויב דו שווימסט דריי מעטער א סעקונדע?" אז מייקל האט זיך באקלאגט אז ער האט נישט קיין געדולד צו לייענען, האט די מאמע אים געמוטיגט צו לייענען די ספארטס-אפטיילונג פון דער צייטונג.

עלטערן וועלכע ווילן באמת די טובה פון זייער קינד ווילן **אים** בויען, אז ער, זיין פערזענליכקייט, זאל בליען און מצליח זיין אויף דעם העכסטן שטאפל וואס מעגליך. זיי זוכן נישט אז ער זאל אריינגעצווינגען ווערן אין א מוסטער לויט ווי אנדערע קינדער קענען מצליח זיין; זיי פרובירן נישט צו דערגרייכן ווער דאס קינד איז באמת אין אויסטויש פאר א מאסקע וואס באשטייט פון געזעלשאפטליכע ערווארטונגען. מייקל פעלפס וואלט געקענט בלייבן א לא יצלח וואס האט קיינמאל נישט מצליח געווען אין שולע, און וואלט געקענט ווייטער זאמלען דערביטערונג און דערנידערונג יאר נאך יאר. אנשטאט, האט זיין מאמע אים געבויט און געהויבן - און אין דער צייט וואס היינט האט קיינער נישט געהערט פון די "מצוינים" אין זיין קלאס, האט די גאנצע וועלט געהערט פון מייקל פעלפס.

פעלפס ווייסט וואס זיין מאמע האט געטון פאר אים. באלד נאכ'ן באקומען זיין ערשטן גאלד מעדאל, איז ער אראפ פון די געווינער'ס פלאטפארמע, און איז צוגעגאנגען צו זיין מאמען געבן א קראנץ בלומען. "איך בין געווען אזוי גליקליך, ס'האבן מיר גערינען טרערן," האט דעבי פעלפס זיך עראינערט. ■

-------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען '**העניך**' אויפן פאפולערן '**קאווע שטיבל**' וועבזייטל.

### די שרעקליכע

# מחלה הידועה

## קענסער רח"ל

**צווייטע קאפיטל:**
**וואס איז דאס 'קענסער'.**

**דער ציל פון די סעריע ארטיקלען איבער 'קענסער'.**

היות ווי מיר אלע ווייסן ליידער שוין הייַנט, אז פאר די לעצטע צענדליגע יארן ווערן נעבעך מענער פרויען און קליינע קינדער דיאגנאזירט מיטן שרעקליכן ווארט - "קענסער", עס זענען דא פילע וואס האבן דאס נישט געשפירט אויף די אייגענע בארד, מיט די אייגענע אויערן, זיי האבן זיך נאך נישט געשאקלט פאר שרעק ווען עס איז ערוועקט געווארן א חשד אויף א נאנטער פון זייער פאמיליע, די פחד וואס מען גייט דורך, די ביטערע שרעק וואס מען שפירט, די געוואלדיגע פארלוירנקייט, די ייאוש געפיל וואס איז אוממעגליך אדורכצוטראגן, ווי ווייניג מענטשן זענען וויליג אדורכצושמועסן דעם ענין עפנטליך, אלעס איז סודות, מגלה טפח ומכסה טפחיים, ביטער איז דער וואס גייט דאס נעבעך אדורך, די סטעמפל, די נאסע שמאטע, די פאן וואס מען טראגט לאורך ימים ושנים עד מאה ועשרים, לאור זה וויל איך דא נעמען די מי זיך אריינצואווארפן אין די ענין פון קענסער, פרובירן ארויסלייגן א דבר השלם, מען זאל קענען האבן א שטיקל באגריף וואס דאס איז, און וויאזוי מען ספראוועט זיך דערמיט על כל צרה שלא תבוא.

קענסער, די שנעלסטע שטייגנדע קרענק מיום שנבראו שמים וארץ, עס איז צווייט צו הארץ דעזיז אין צאל וואס שטארבן יערליך דערפון, עס איז געשאצט אז ביזן יאר 2020 וועלן ל"ע זיין 25,000,000 קענסער ליידנדע גלאבאל, 1.7 מיליאן קראנקע אין אמעריקע אליין פער יאר, און פון די וועלן לכאורה שטארבן אריבער זעקס הונדערט טויזנט פערזאנען פער יאר. דעס איז דאך א הימל שפאלטנדע ציפער, עפעס וואס די וועלט קען נישט שטיין גלייכגילטיג, זיך צוקוקן דערצו און צושטימען בלינדערהייט, ווי דער ביטערע מחלה רייסט שטיקער פון די מענטשהייט.

צו מאכן בקיצור דעם שרעקליכן ציפער: איינס פון צוויי מענער, איינס פון דריי פרויען, און איינס פון צען קינדער וועלן הערן דעם שרעקעדיגן ווארט פון א ווייס קיטל'דיגן דאקטאר: "איר האט קענסער", אין משך פון זייער לעבן. דעס איז דער שאצונג פון די 'אמעריקען קענסער סאסייעטי'. אלזא זענען דאך קלאר אז די שאנסן פון ווערן דיאגנאזירט מיט קענסער זענען שטויגנעד הויך, נו, אויף וואס ווארטן מיר? עס קען דאך יעדן טאג פאסירן ח"ו.

דאס איז אמאל זיכער אז קענסער שרעקט זיך נישט פאר גארנישט, קענסער אטאקירט יונג ווי אלט, שטארק ווי שוואך, ארימעלייט אדער עשירים, נישט קיין חילוק צו איינער איז א סינגל אדער א טאטע פון צען, א בת יחידה א געצערטלט קינד צו איינס פון צען, קיינער איז נישט אמוניזירט קעגן קענסער, פארן קענסער זעלבסט גייט נישט גארנישט אן, נאר וויאזוי עס קען זיך ר"ל נאכמער פארשפרייטן.

***

ווען די וועלט פון וויסנשאפט האט זיך א לאז געגעבן אויף די ביטערע מחלה, האבן זיי זיך געפערליך געפלאגט צו פארשטיין וואס דא גייט פאר, צו איז קענסער א קללה פון ג-ט, צו איז עס א פשוט'ע מגיפה ווי די שווארצע מגיפה. קען מען עס ארויסשניידן? קען מען עס פארברענען? קען מען עס פאר'סמ'ן? איז עס א ווייררוס? ווי אזוי האט זיך דאס אריין געכאפט אינעם קערפער, איז עס געקומען פון אינדערויסן, אדער קומט עס פון אינעווייניג, אדער גאר עפעס פון יענע חברה.

די פלאג וואס האט געפלאגט די וועלט, האט צוזאמען געזאמעלט געוואלדיגע כוחות אין די וועלט פון וויסנשאפט, מען האט זיך גענומען שלאגן די מחלה אויף אלע פראנטן. פון איין זייט האט די מחלה פארשפרייט טעראר, אבער פון די אנדערע זייט איז געווען עקשנות איבערצולעבן, מער אמונה, מער בטחון, מער תפילה, מער נאנטקייט צים באשעפער. עס האבן זיך פארמירט פארשידענע נעמען פאר קענסער, פון די קעניג פון טעראר, ביז דער באהאלטענער מערדער, דער צר פון פיין און פלאג, אלעס ארויסצוברענגען די פארלוירנקייט וואס די וועלט האט געהאט קעגן היילן דעם ביטערן מחלה.

וואס א יאר מער עס איז דורך, ווי מער מען האט שטודירט וואס עס פאסירט, האט עס געברענגט עטוואס מער קלארקייט, וואס עס פאסירט מיטן קענסער צעל, און וויפיל מער שטודיעס עס זענען אדורכגעפירט געווארן, אלס מער האט די שאלה געפראסקעט אין פנים אריין: איז קענסער היילבאר, קען מען עס פארמיידן, קען מען צילן אויף קענסער אויף עפעס א וועג צו איזאלירן דעם קענסער צעל פון א געהעריגע צעל, בכדי עס צו קענען היילן אויף א וועג.

ביז די ערשטע יארן פון די מאדערנע וועלט נאך די צווייטע וועלטס קריג, האט מען נאכנישט געוואוסט וויאזוי מען כאפט די מחלה. דאן האבן פיל געליטענע זיך פשוט באהאלטן אין בוידעם, כדי קיינעם נישט איבערצוגעבן די מחלה. קינדער וואס זענען על פי רוב דיאגנאזירט געווארן מיט לוקימיע, זענען ליידער געשטארבן אין משך פון דריי חדשים נאכן ווערן דיאגנאזירט, איינזאם און

איין. קיינער האט זיך נישט געטרויט צו לאזן זייער קינד שפילן מיטן געליטענעם, פשוט פון פחד נישט אריבערצוכאפן די מחלה. עס איז געווען א געפערליכע בושה ווען איינער האט באקומען דעם 'טויט שטראף' דיאגנאז.

**וואס איז די באדייט פון 'קענסער', און וואספארא קראנקהייט איז דאס?**

דאס ווארט "קענסער" איז די גריכישע ווארט פון א "ספיידער". די מחלה האט באקומען דעם נאמען, ווייל ווען מען קוקט אויפן קענסער צעל אונטער א קוקער, זעט די צעל אויס אביסל ווי א ספיידער, אזעלכע פיס וואס ציען זיך ארויס פונעם צעל, און נישט מיט קיין געהעריגן פארעם.

די מחלה איז שוין רעקארדירט געווארן מיט פיר טויזנט יאר צוריק אויף מצרי'שע סקריפטור, וואס דארט ווערן רעקארדירט געוויסע מחלות מיט געוויסע רפואות פון יענע תקופה, און דארט צייכנט מען אן די מחלה ווי די ברייסט ווערט גאר שטארק הארט, און ביי די רפואה שטייט: "עס איז נישטא".

וואס געשעט ווען מען האט קענסער? דאס ווענדט זיך אין וועלכע סארט קענסער מען האט. עס ווערט געווענטליך צוטיילט אין צוויי חלקים, "לאקאל" און "סיסטעמיק". דאס מיינט אז, למשל לוקימיע, איז א סיסטעמיק פארם פון קענסער, ווייל עס אטאקירט די בלוט, נעמליך אז די נארמאלע בלוט צעלן ווערן אויסגעטוישט און ווערן אינוואדירט דורך קענסער צעלן, און איז נישט לאקאל אויף איין פלאץ. ווידעראום די אנדערע סארט ווי ברייסט קענסער אדער קאלאן, רעקטעל, ליווער, פענקריאטיק, ברעין, און סקין קענסער'ס, הייבן זיך געווענטליך אן מיט א טומער לאקאל ביי יענער אבר, און פון דארט גייט עס ווייטער.

וויאזוי כאפט מען געווענטליך אז מען האט ל"ע קענסער? רוב מאל כאפט מען עס נאר נאכדעם וואס מען וואנדערט ארום פון איין דאקטאר צום צווייטן, צוליב דעם וואס מען שפירט זיך נישט אין ארדענונג. עפעס א פלוצימיגע הינקע, אדער א נאכאנאנדיגע פיבער, אדער עפעס א מאדנע באמפ וואס שטארט ארויס, אדער א לאמפ אינעם ברייסט, שטארקע קאפ ווייטאג, שטארקע בויך ווייטאג, אדער א בלוטינג ווען מען גייט ארויס, וכדומה, אזעלכע מאדנע



*אומגעהויערע וואוקס אין די ווייסע-בלוט צעלן*

מינדערוויכטיגע סימפטאמען.

ווען מען כאפט עס אויף, איז די מחלה שוין געוועהנטליך נישט קיין נייע גאסט, נאר שטארק איינגעגעסן און גוט צוגעגרייט צום מלחמה וואס עס גייט אדורכגיין. למשל, די טומער האט אויף א וועג איינגענארט די לאקאלע אדערן, אז זיי זאלן ארויסשלויכן קאנעקשאן'ס צום טומער, אז עס זאלן זעטיגן זייער אפעטיט פון זיך צושפרייטן ווי ווייט מעגליך, און געוועהנטליך שיקט עס דורך די אדערלעך קליינע איינצלנע צעלן, כדי זיך צו פארשפרייטן אויף ווייטערע פלעצער, און דארט וואו די צעל טרעפט א פארקינג ספאט, הייבט זיך עס אן פריש צו צוטיילן און פארמירן א פרישן טומער-סייט.

די פראצעס פון זיך פארשפרייטן צו אנדערע פלעצער הייסט "מאטעסטעסי", אז די טומער האט מעטעסטעסייזד צו ווייטערע ערטער פונעם ערשטן טומער-סייט, ווי מיר וועלן שפעטער מסביר זיין. בקיצור, עס איז שוין גוט גרייט פאר מלחמה.

***

וואס פאר א טעסטן מאכט מען? אנגעהויבן מיט אלע ערליי בלוט טעסטן, וואס די רעזולטאטן געבן ארויס געוויסע סימנים אז עפעס איז נישט אין ארדענונג, ווי למשל אן אומגעהויערן וואוקס אין די ווייסע בלוט צעלן, אדער א פרישע "אנימיע" - דאס איז די פארלענדונג פון די רויטע בלוט צעלן. אויך איז פארהאן נאך "טומער מארקער'ס" אין די בלוט טעסטן, וואס צייגן אז עס איז פארהאן הויכע ריזיקעס פון פארמאגן טומער סייט'ס.

ווייטער מאכט מען בילדער פונעם קערפער, דאס איז דורך "עקס-רעי", "קעט סקען", און "פעט סקען".

דאס אלעס איז נאר א הקדמה, מען זאל דערגיין וואו עס איז פארהאן די טומער-מעס. איינמאל מען זעט ערגעץ א מעס, ברויך מען אריינגיין דארטן און אראפציפן א שטיקל, דאס ווערט אנגערופן א 'בייאפסי'.

דאן גייט דאס אדורך א פראצעדור, ווי מען צושניידט דעם שטיקל און מען קאלירט עס מיט ספעציעלע כעמיקאלן, דאס הייסט 'סטעינינג', און מען לייגט דאס אריין צווישן



***איינס פון צוויי מענער, איינס פון דריי פרויען, און איינס פון צען קינדער וועלן הערן דעם שרעקעדיגן ווארט פון א ווייס קיטל'דיגן דאקטאר: "איר האט קענסער" ה"י***

צוויי שטיקלעך גלאז, וואס דאן הייסט דאס א 'סלייד'.

דאן קומט א פאטאלאדזשיסט, און קוקט אויפן סלייד אונטער א מיקראסקאפ, וואס דאס איז א גאר שטארקע קוקער, און טוט דיאגנאזירן די צעלן אינעם סלייד: וואספארא סארט צעל איז געפונען געווארן אינעם בייאפסי, איז דאס "בעניין" אדער "מאליגמענט", דאס הייסט, צו די צעל איז א קענסער צעל אדער נישט, און אויב יא וואספארא סארט קענסער צעל דאס איז.

***

קענסער איז די שם הכולל פון פילע מחלות. עס איז נישט איין מחלה, עס איז פיל מחלות, אבער די צד השוה שבהם איז, אז אלע ערליי קענסער'ס הייבן זיך אן די זעלבע וועג, נעמליך אן איינצלנער צעל האט פאר א סיבה מחליט געווען אז עס גייט זיך צוטיילן אויף צוויי באזונדערע צעלן, און אזוי פלוצלינג אן קיין פארוואס טרעפט מען אזא איינזאמע צעל, וואס איז א נישט קיין געהעריגע צעל נאר א קענסער צעל, ווייל עס איז אזא סארט צעל וואס צוטיילט זיך אויף צוויי אזעלכע צעלן, און די קענסער צעלן נעמען איבער די פלאץ פונעם נארמאלן צעל און שטויסן איר אוועק, ביז דער אבר וואו דער טומער געפונט זיך ווערט אפגעשוואכט, און דער טומער צושפרייט זיך אינעם גאנצן קערפער.

דאס איז וואס פארגלייכט אלע קענסער'ס. אבער יעדע סארט קענסער האט אן אנדערע כאראקטער, מיט אנדערע נאטורן, און דעריבער אנדערע מעטאדן זיי צו היילן.

מיר וועלן פרובירן אריינצוגיין עטוואס טיפער, כדי צו פארשטיין וואס גענוי עס פאסירט. מען קען נישט פרובירן צו היילן די מחלה, איידער מען ווייסט וואס עס איז די מחלה, ווי שטארק די מחלה איז פארשפרייט, ווי מער פארגעשריטן מען איז געווארן, און וואס אלס האט זיך געטוישט אין די מהלך צו זוכן די פאסיגע רפואה צום גרויסן מחלה.

***

**די צעלן אין א מענטשליכן קערפער.**

וואס איז דאס א צעל? מיר הערן כסדר



*מיקראסקאפישע בילד פון ווייסע און רויטע בלוט צעלן*

דאס ווארט "צעל", אלזא לאמיר קודם אביסל פארשטיין געבן עפעס פון די פונדעמענטאלן, וויאזוי מען קוקט מיט די דאקטוירישע פאר אויגן אויף א מענטש.

דער קערפער פון א מענטש איז געגליכן צו א קאר. עס איז א קאמפליצירטע מאשין, וואס איז צוזאמגעשטעלט פון פיל באזונדערע חלקים, וואס ווען אלע חלקים זענען צוזאמען ארבעט די קאר מייסטערהאפטיג. אזוי אויך דער מענטש, איז א מייסטערהאפטיגע מאשין וואס אלע אברים ארבעטן מיט א הארמאניע צו מאכן זיכער אז אלע קערפערליכע פונקציעס ווערן אויסגעפירט. יעדער אבר שטעלט צו צום מאשין זיין חלק וואס דער אבר ברויך צוצושטעלן, ווי למשל דער לונג מאכט זיכער אז די לופט זאל ארייננקומען און ארויסגייןן, אריין צו פיטערן זויערשטאף (דאס איז אקסיגען) צו די הונדערט טריליאן צעלן פונעם קערפער, און צוריק ארויסצושפייען די אויסגענוצטע לופט.

יעדער אבר, נישט קיין חילוק אויב עס איז די לונג, ניר, קישקע, צו האר, אלעס איז צוזאמגעשטעלט פון צעלן. אלע צעלן האבן בערך די זעלבע באשטאנדטיילן, נאר זיי האבן אנדערע תפקידים. אבער דער יסוד איז אלעמאל די זעלבע, למשל אן איינצעלנער לונג צעל ארבעט מיט הארמאניע מיט א גאנצער ארמיי פון לונג צעלן, צו פארמירן אן אבר וואס טוט די פונקציעס פון א לונג. דאס זעלבע איז מיט די לעבער, א.א.וו. עס איז דא א מייסטערהאפטע קאמוניקאציע סיסטעם ווי אלעס קאמוניקירט דורך כעמיקאלע זענדונגען מיט די גוטהייסונג פונעם מח. דאס איז זייער קאמפליצירט מסביר צו זיין, אבער אפשר וועט זיין א געלעגענהייט עס צו פארשטיין שפעטער אינעם ארטיקל.

***

לאמיר אנהייבן פארקערט. דאס לעבן פון א מענטש הייבט זיך אן פון איין איינציגע גאנצע צעל. דאס איינע צעל קומט פון די צוזאמקום פון צוויי האלבע צעלן וואס זענען זיך משדך, איין האלבע צעל וואס פארמאגט א האלבן סעט פון קאודס קומט פון די מאמע, און די אנדערע האלבע צעל קומט פון דער טאטע, ווען די צוויי האלבע צעלן באגעגענען זיך ווערט נתחדש איין גאנצע צעל, און א נייע לעבן האט זיך אנגעהויבן.



***מיקראסקאפישע בילד פון קענסער צעלן***

דער צעל פארמאגט אין זיך א בוך וואס אנטהאלט אין זיך די מענועל וואס עס ברויך צו טון, אינסטרוקציעס מיט א מייסטערהאפטע פונקטליכקייט, וואס דאס ווערט אנגערופן "די גענעטישע קאוד". די קאוד זאגט, אז עס ברויך זיין א הארץ, מח, און אלע אנדערע אברים ופדרים. אזוי אויך פארמאגט די איין צעל א פראדוקציע פעקטארי, וויאזוי די איין צעל זאל פארוואנדלט ווערן אין א מענטש.

ווען עס הייבט אן די ארבעט, גייט די צעל און צוטיילט זיך אויף צוויי. דאס אליינס איז גאר א קאמפליצירטער עסק, ווייל עס ברויך קודם וואקסן אין סייז, מאכן א קאפיע פון אלע חלקים פון די צעל, ביז עס גיבט זיך א צוטייל אין צוויי גענויע קאפיעס. ווען עס זענען שוין דא צוויי צעלן, האבן זיי נאך אלס א מהלך וויאזוי זיי קאמוניקירן איינע מיטן צווייטן, אויסצופירן די גענעטישע אינסטרוקציעס וואס זייער ציל איז. די פראצעדור פון א צעל זיך צו צוטיילן אויף צוויי גענויע קאפיעס, ווערט אנגערופן "מייטאוסעס" [Mitosis]. פון צוויי ווערט פיר, פון פיר ווערט אכט, וכן הלאה.

ווען עס איז שוין דא א געהענגעל מיט עטליכע מיליאנען צעלן, הייבן זיך אן צו פארעמען באפעלן. די גענעטישע קאוד לויטעט, אז א חלק פון די צעלן זאלן דינען דעם מענטשליכן ארמיי דורכן זיין אן "אויג", און טון אלע חלקים פונעם מענועל אלס אויג. דאן גייען געוויסע צעלן און מישן אויף אינעם קאוד בוך, און ליינען גוט איבער די אינסטרוקציעס וואס איז וויכטיג צו וויסן ווען מען איז אן אויג, און זיי פירן אויס דעם חלק בשלימות, און דאס אויג פארמירט זיך.

אבער יעדער אויג צעל פארמאגט נאך אלס אלע אינסטרוקציעס וואס עס דארף האבן, כדי צו קענען זיין א הארץ צעל, נאר עס קוקט נישט דארט, ווייל עס איז באשטימט צו זיין אין די "דעפארטמענט אוו אויגן", און די אויג צעל איז א חלק פון די גאנצע מענטש דורך די קאמוניקאציע סיסטעם וואס עס פארמאגט, אז עס קען שיקן א מעסעדזש פארן "האנט דעפארטמענט" אז די אויג קראצט, און דערפאר זאל די האנט קומען צוהילף און באשטייערן א קראץ אויפן אויג.

די "מייטאוסעס" פראצעדור פון יעדע צעל, מוז - און קען נאר - געטון ווערן מיט גאר א



*א קינד אין שפיטאל*

שטארקע פונקטליכקייט. עס טוט אקטיוויזירט ווערן בלויז ווען עס באקומט א מעסעדזש פון אן אויבער-קאנטראלער, ווען עס מעג אדער זאל זיך צוטיילן, און ווען עס טאר זיך מער נישט צוטיילן. געוויסע צעלן גיבן אינגאנצן אויף זייערע רעכטן פון זיך טיילן, און דאן שפארן זיי אפ די חלקים פונעם צעל וואס גיבט די כח זיך צו טיילן. אבער רוב צעלן האבן די מעגליכקייט, נאר היות זייער קאוד זאגט זיי זיך נישט צו צוטיילן, טיילן זיי זיך נישט. אזויווי א קאר, ווען מען האלט די פיס אויפן ברעיק פארט עס נישט, און אפילו די קאר האט די כוחות צו פארן, דאך וועט עס נישט פארן ווען די פיס איז אויפן ברעיק. אזוי אויך דא. און מצד שני ווען עס דארף זיך יא צוטיילן, לייגט דער צעל די פיס אויפן געז-ברעיק ויסעו, זיי פארן אפילו עס קען ווען סטאפן ווי נאר עס לייגט די פיס אויפן סטאפ-ברעיק.

דער חלק פונעם גענע וואס גיבט זיך אפ מיט אלע אינפארמאציע וואס איז נוגע ווען א צעל ברויך זיך טיילן, הייסט "אַנקָא גענע". דער חלק פונעם גענע טוט פראצעסירן און אנאליזירן דעם זענדונג וואס דער צעל ברענגט אריין, אז דער צעל ברויך אדורכגיין א טיילונג. די חלק איז דומה צום געז-פעדעל פונעם קאר. די סטאפ-ברעיק חלק פונעם גענע ווערט אנגערופן "טומער סאפרעסער דזשין", כשמו כן הוא, די חלק לאזט נישט א צעל זיך טיילן, גענוי ווי א סטאפ-ברעיק לאזט נישט א קאר פארן.

***

**וויאזוי הייבט זיך אן די ביטערע מחלה 'קענסער'?**

קענסער הייבט זיך אן, ווען איין צעל ווערט פאר עפעס א סיבה צובראכן אדער צומישט אינעם גענעטישן קאוד, א צומישעניש אינעם גענעטישן קאוד ווערט אנגערופן "מיוטעישן". דאן, ווען א צעל טוט מיוטעיטן, פאסירן עטליכע שלעכטע זאכן: איינס - אז עפעס פאסירט וואס איז גורם אז די "אנקא גענע" זאל נישט מאכן קיין חשבונות, און די "טומער סאפרעסער דזשין" זאל ווערן גענצליך אומווירקבאר. וואס דאס מיינט, אז די פיס גייט אראפ פונעם סטאפ-ברעיק, און ארויף אויפן געז-ברעיק, און די צעל נעמט זיך רייסן אן קיין ווער פארן צעל עס אפצושטעלן.

געוועינטליך האט א צעל א וועג צו פאררעכטן א פראבלעם אינעם גענעטישן קאוד



*א טומער אין א מענטשליכער מח*

סטרוקטור, אבער דא איז עס פארמישט אויף אן אומפאררעכטבארן וועג, עס פאררעכט זיך נישט. איין דעה האלט גאר, אז די "אנקא דזשין" מיט די "טומער סאפרעסער דזשין" טוישן פשוט פלאץ, און ארבעטן פארקערט.

געוועהנטליך האט א צעל אינעם קאוד א מהלך, אז אויב קען זיך עס נישט פאררעכטן מאיזה סיבה, ברויך זיך די צעל אויסלעשן עס ברויך גיין אויף א סעלולארע זעלבסטמארד. די פראצעדור פון א "דזשין עררער" צו פראבירן צו פאררעכטן אדער גיין אויף א זעלבסטמארד מיסיע, איז באוואוסט אלס "אפאפטאסיס".

אבער דאס פאסירט נישט ביים צעל ווען עס ווערט פאר'קענסער'ט, און די צעל גייט נישט דורך דעם פראצעדור, און דער פראבלעם ווערט שטערקער, אז פון די קאפיע וואס עס מאכט ווערן געבוירן צוויי קראנקע צעלן וואס פארמאגן דעם זעלבן פראבלעם ווי די עלטערן צעלן. די גענעטישע קאוד פונעם נייעם צעל האט אויך דעם זעלביגן פראבלעם, און וויל זיך ווייטער צוטיילן על לא דבר.

אויב איז דאס נישט גענוג, איז דא נאך א פראבלעם. ווי מיר האבן שוין געשריבן איז דא א מייסטערהאפטיגע קאמוניקאציע צווישן אלע צעלן, אלע צעלן קאמוניקירן פון די פלאץ וואו זיי זענען, און זיי נעמען רשות וואו זיי ברויכן גיין. אבער נישט א קענסער צעל. עס מאכט שבת פאר זיך, עס טוט נישט קאמוניקירן קיין קאמוניקאציעס נאר ווען עס איז וויכטיג פאר זייער אייגענעם וואוקס, און ווען עס איז נוגע פאר די וייטערדיגע צוטיילונג פונעם קענסער צעל.

***

פון די צוויי ווערט פיר, פון פיר אכט, וכן הלאה, און אן קיין שום ארדענונג. צוביסלעך מאכט זיך שוין א קליין געהענגעלע פון קענסער צעלן, וואס דאס ווערט שוין אנגערופן א "טומער". עס וואקסט און שטופט אוועק די גוטע צעלן, וואקסט ווייטער און שטופט אוועק מער, אבער טוט גארנישט אויף פארן אבער אין וואס עס וואקסט, חוץ פון מאכן צרות.

ווי למשל, אויב איז עס אין די לונג, דאן ווערט א לאמפ אינעם לונג, און עס וועט נישט נעמען לאנג ביז דער מאן אדער פרוי וועט אנהויבן שפירן אז עפעס אטעמט זיך נישט געהעריג. דאן וועט מען אנהויבן גיין צום דאקטאר, וועט ער



*אן אילוסטראציע פון א טומער*

זאגן אז דו האסט אסטמא אדער בראנקייטעס אדער אלע ערליי אנדערע חולאים, און אזוי ארום פארפאטשקענען טייערע צייט, ביז ער וועט אויף א וועג אנקומען צום אמת, אז דער דאקטאר וועט זאגן דעם שרעקליכן פאראגראף.

דאס זעלבע שפילט זיך אפ ביי קאלאן קענסער, בריסט קענסער, לוקימיע, און ווי שוין מסביר געווען פעלט נישט מער אויס מער מאריך זיין דערינען.

ווי שוין אויבן געשמועסט אז די טומער ארבעט נאר פאר זיך אליינס, און קאמוניקירט נאר פאר זיך אליינס, ווערט נולד נאך א געוואלדיגע פראבלעם וואס מאכט קענסער שעדליך, אז עס שרייט פארן קערפער: 'פיטער מיך פיטער מיך, מיר ברויכן אקסיגען, מיר גייען דא אויס, מיר ווילן פון גארנישט וויסן, מיר ברויכן א שלויך וואס זאל אהער שיקן פרישע בלוט דורך אן אדער', און די גוף פאלט פאר די נאכגאנדיגע רוף און שיקט אן אדער, און די פראצעדור הייסט "ענדזשיא דזשעניסיס".

דאס ברענגט דעם נעקסטן שטאפל אינעם פראבלעם פון קענסער. ווייל ווי שוין אויבן געזאגט, היות די קענסער צעלן זענען נישט פאראייניגט, זענען זיי נישט סטאביל, ממילא שיידן זיך איינצעלנע צעלן פונעם טומער, און כאפן זיך אריין אינעם בלוט פלוס דורך די פרישע אדערלעך וואס האבן זיך דערבארעמט און געקומען צוהילף. דורך די אדערן, פליסן אוועק קענסער צעלן צו פלעצער וואס זענען ווייט פונעם טומער, און ווען זיי שפירן ערגעץ א מקום וואו זיי קענען זיך אפשטעלן, גייען זיי ארויס פונעם בלוט פלוס, פארקירן זיך און מאכן זיך באקוועם, און הייבן אן א נייע מעשה: זיי הייבן ווייטער זיך אן צו צוטיילן און פארמירן א נייע טומער-סייט, און אזוי ווייטער.

דאס איז אין קורצן די מהלך וויאזוי 'קענסער' פארמירט זיך, און וואס די גרויסע חורבן דערפון איז.

***

***אין קומענדיגן קאפיטל, וועלן מיר אי"ה שילדערן די היסטאריע פון קענסער, די טעאריעס אין רפואה, ביז אונזער תקופה.***

------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען '**פליקער**' אויפן פאפולערן '**קאווע שטיבל**' וועבזייטל.



***דאקטוירים ביי די ארבעט***

# וישא משלו...

## פרק ג'



## האדם, מידותיו, ומאכליו.

**א.** דער נביא זעט דעם עתיד אין גאט'ס רייד, דער חכם עדיף מנביא זעט דעם עתיד אינעם הווה.

**ב.** דער דורכשניטליכער אומגלויביגער גלויבט אז ער גלויבט נישט.

**ג.** אין נאמען פון רעליגיע, זענען צענדליגע מיליאנען געשטארבן אין די לעצטע פאר טויזנט יאר; אין נאמען פון אטעאיזם [נאציזם און קאמוניזם], זענען צענדליגע מיליאנען געשטארבן אין די לעצטע זיבעציג יאר.

**ד.** 'עצביהם כסף וזהב מעשי ידי אדם' - מיינט, אז מיר טוען וואס מיר ווילן, און מיר הענגען עס אן אויף גאט.

**ה.** סיי גאט און סיי די מאראל לאזט נישט א מענטש זיין א רויבער. דער וואס רויבט נישט נאר צוליב גאט, וועט טרעפן וועם צו בארויבן לויט זיין גלויבן; דער וואס רויבט נישט נאר צוליב מאראל, קען שנעל טוישן זיין מאראל; גוט איז דער וואס גלויבט אין גאט און שפירט מאראל.

**ו.** דער מאראלישער דייטש האט געזאגט

'ביטע, היער', ביים שיקן פרויען און קינדער צו זייער טויט.

**ז.** רעגן איז א וועג פון גאט צו ווייזן פארן מענטש, ווי ווייניג ער וויל אנערקענען דער וואס געבט אים לעבן.

**ח.** צווישן דעם נפש אלוקית און דעם נפש הבהמית קומט כסדר פאר א שלאכט, אויב עס איז דא אזא זאך ווי א נפש.

**ט.** דער מאלפע האלט זיך אויף פאר די קלוגסטע באשעפעניש; צו זיין מזל קען ער זיך כאטש איבערצייגן זיין טעות דורך אנטרעפן א מענטש. צו אונזער שלעכטע מזל, רעדן מיר זיך טאקע איין.

**י.** שקר החן והבל היופי, א בפירוש'ע אסמכתא ליב צו האבן שיינקייט אין דעם עולם השקר.

**יא.** ליגנט איז נישט בקום ועשה, נאר א העדר פון אמת.

**יב.** דורכאויס היסטאריע, האט 'די רעליגיע פון רחמנות און ליבע' [קריסטנטום] פארשניטן מער לעבנס ווי סיי וועלכע אנדערע רעליגיע.

**יג.** די שיטה פון פאליטעאיזם [געצנדינערייי] איז נאר באגאנגען א פיצעלע טעות; זי האט פאלש אפגעלערנט דעם 'שערי היחוד והאמונה' פונעם תניא.

**יד.** צומאל וויל א שלעכטער זיין די איינציגסטער מענטש אויפן וועלט; צומאל וויל ער דווקא נאך מענטשן אויפן וועלט, ער זאל האבן וועמען צו פייניגן.

**טו.** דער אינטערנעט האט געברענגט מענטשן פון די גאנצע וועלט נאנט איינער צום אנדערן; אבער דער אינטערנעט האט דערווייטערט מענטשן פון די גאנצע וועלט - פון זיך זעלבסט.

**טז.** דער לינקער אנארכיסט מיטן רעכטער סופרעמעסיסט זענען ווי הודו מיט כוש; זיי שטייען ביי די צוויי עקן און דערפאר זענען זיי אזוי נאנט.

**יז.** א מענטש איז א מישלינג פון א בהמה און א קאמפיוטער.

**יח.** א יעדע קרומע סברא שטייט שוין אין א פילאזאפישע בוך; אויב קענסטו די בוך ביזטו א פילאזאף, אויב נישט - ביזטו א קרומער מענטש.

**יט.** עס איז נישטא קיין מער סאביעקטיווער באשלוס, ווי צו מיינען אז מ'קען עפעס באטראכטן גענצליך אביעקטיוו.

**כ.** ליבשאפט איז ווי א גלעזל הייס וואסער; צומאל דערווארימט עס און צומאל כאפט מען א ברי.

**כא.** הער שטענדיג אנדערע מיינונגען, ווייל אלע דיינע מיינונגען קומען פון אנדערע.

**כב.** צוויי פליגן לאכן צווישן זיך, פונעם אומגליקליכן מענטש וואס קען נישט פליען.

------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען '**שש משזר**' אויפן פאפולערן '**קאווע שטיבל**' וועבזייטל.



# אלכסנדר מוקדון

**שנת ג' אלפים, תכ"ח.**

א גרופע מענטשן זענען געגאנגען אין א טויט שטילקייט, פון מאהל צו מאהל האבן זיי געווארפן א דערשראקענע בליק אויפן האריזאנט, ווארטנדיג מיט שרעק אויף די עלות השחר, און די מראה וואס גייט זיך באווייזן פאר זיי. נאר די רואיגע געמיט פונעם ראש החבורה האט אריינבלאזן אין זיי אביסל בטחון און שטארקייט, צו גיין ווייטער אין זייער וועג. דער ראש החבורה איז געווען די כהן הגדול איש האלוקים שמעון הצדיק.

פאר די שרעק פון די בני החבורה איז געווען א גערעכטע סיבה, שוין חדשים וואס עס קומט אן צו זייערע אויערן שערקליכע שמועות איבער א בארבארישן קעניג וועלכע איז אויפגעשטאנען אין מערב, א קעניג וועלכע

גארנישט אין די וועלט קען אים נישט אפהאלטן, נישט אים און נישט זיין ריזיגע און מעכטיגע מיליטער.

די שמועות זענען געגאנגען אז אפילו דער מלך מלכים - דריוש, איז צושטויסן געווארן ווי שטויב פאר דעם נייעם קעניג'ס מיליטער. די שמועות האבן געלויטעט אויף ביטערע דורכפעלער פאר די פרסיים אין די שלאכטפעלדער, און פאר די ריזיגע ארמיי ווי די היישעריקן וועלכע נעמען איין שטאט נאך שטאט ווי עס וואלט נישט געווען דארט קיין מויער אדער אן הערשער פארדעם.



דער קבר פון שמעון הצדיק

די יודע דבר האבן אפילו געטייטלט אין נ"ך ספר דניאל (יא, ג), וואו עס שטייט: "ועמד מלך גיבור ומשל ממשל רב ועשה כרצונו, וכעמדו תשבר מלכותו ותחץ לארבע רוחות השמים". אז דאס האט געמיינט דעם נייעם מעכטיגן קעניג - אלכסנדר מוקדון (סדר עולם רבה).

*

די שמועות און מעשיות זענען געווארן אן אמת'ן פאקט, ווען עס איז אנגעקומען איין שיינעם טאג א שליח פון אלכסנדר מוקדון קיין ירושלים, און אין זיין האנט האט ער געהאלטן א בקשה פאר די אידישע פירער, אז זיי זאלן שיקן מיט אים עסן מיט מיליטערישע "סופליי", וואס עס האט אויסגעפעלט פאר אלכסנדר בשעת ער האט געהאט פראבירט איינצונעמען די שטאט צור (די דאן הויפט שטאט פון לבנון), און אזוי וועלן זיי ארויסווייזן



א סטאטוע פון אלכסנדר מוקדון





***א מטבע מיט די צורה פון אלכסנדר מוקדון***

טריישאפט פאר דעם נייעם הערשער. ווי גרויס איז געווען די וואונדער און שאק ווען דער כהן גדול האט קאטאגאריש אפגעזאגט די בקשה, זאגענדיג: "אונז האבן געשוואוירן טריישאפט פארן קעניג דריוש, און אונז קענען דאס נישט פארלייקענען ווי לאנג ער לעבט נאך".

דער אנטוישטער און אויפגעברויזטער שליח האט געשוואוירן נקמה, און צוגעזאגט אז די אידן וועלן נאך זייער ביטער חרטה האבן דערויף. און ער האט א שמייס געגעבן זיין פערד און זיך ארויסגעלאזט צו זיין וועג ברויזנדיג פאר כעס.

מ'קען זיך נאר פארשטעלן די פחד און שרעק וועלכע עס האט אנגעכאפט די אידן אין ארץ ישראל ווען זיי האבן געהערט מיט וועם זייער כהן גדול האט זיך פארטשעפעט. אזוי ווי היינט, איז דעמאלס אויך געווען פיל אידן וועלכע האבן זיך געהאלטן פול קלוגער פון די חכמי הדור, און זיי האבן פארפירט היתכן דער כהן גדול - וועלכע פארשטייט נישט צו פאליטיק - פירט אריין די אידן אין באד אריין, און וואס וועט דא זיין? דער קעניג איז באקאנט פאר א שרעקליכע נוקם ונוטר, און ער איז נאך קיינעם נישט שולדיג געבליבן, ווער ווייסט וואספארא חורבן ער וועט אנברענגען פאר כלל ישראל מיט זיין צוריקווייזן דעם נייעם קעניג'ס בקשה.

טויזנט מאהל מער איז געווארן זייער שרעק, ווען זיי זענען געוואויר געווארן אז די שומרונים אין שפיץ פון זייער פירער און מנהיג - סנבלט, האבן ארויסגעשיקט 8,000 יונגע און מלחמה פעאיגע מענער, אז זיי זאלן זיך צושטעלן מיט דעם נייעם קעניג, מיט אסאך סחורה און עסן וואס אלכסנדר האט געדארפט, און פול מער. אויטאמאטיש זענען די אידן געווארן א זייט אין די מלחמה, און זיי זענען מער נישט געווען א נייטראלע לאנד אין די בלוטיגע מלחמה, צום גוטן אדער ח"ו צום שלעכטן.

ווען די אידן זענען געוואויר געווארן, אז צור איז שוין אויך געפאלן פאר דעם אומבאזיגבארן קעניג אלכסנדר, איז נישט

געווען קיין גבול צו זייער פחד און כעס אויפן כהן גדול. און ווי צו להכעיס האבן די עדים געמאלדן אז די מוקדונים האבן זיך אנגעהויבן צו רוקן דרום - ארץ ישראל. יעדער האט געוואוסט, אז דער קעניג וועט נקמה נעמען אין די וועלכע האבן אים נישט געהאלפן אין נויט.

*

ווידער איז עס געווען דער כהן גדול, וועלכער האט איבעראשט דעם עולם מיט זיין החלטה. נאך א שטילע תפילה אין בית המקדש, האט ער באפוילן אז מ'זאל עפענען די מויערן פון ירושלים ברייט אפן, ווי פסח ביינאכט ביי שפוך חמתך. און ער מיט טויזנט פון די פני ועיני העדה וועלן ארויסגיין מקבל פנים זיין דעם נייעם הערשער, ווי נאר ער קומט אריין אין ארץ ישראל. די באשלוס איז נישט געווען קיין פשוט'ער אינעם עולם'ס אויגן, דער נייער הערשער האט געקענט מחליט זיין אין איין סעקונדע זיי אלע צו הרג'נען אדער פייניגן צום טויט (ער האט גע'הרג'עט זיינע נאנטסטע מענטשן, ווען ער איז געווען אין א כעס גוסטע אדער גוט אנגע'שיכור'ט). אבער דער כהן גדול האט געהאט מחליט געווען, און עס זאל זיין וואס עס זאל נאר זיין.

ווען די זון האט אנגעהויבן ארויסצוקומען און עס האט געשיינט מיט זיין גאלדענעם ליכט, נישט ווייט פון די פעסטונג וואס הורדוס האט א נאמען געגעבן אנטיפטרוס, האט זיך אנטפלעקט פאר די אידן די מוקדונ'ישע מיליטער אין זיין מעכטיגן פראכט. עס איז געווען אויסטערליש שיין אבער שרעקליך אין די זעלבע צייט. די מוקדונ'ישע מיליטער איז געווען אויסגעשטעלט אין גרופע'ס, יעדע גרופע האט געהאט 16 שורות פון 1,500 סאלדאטן וועלכע זענען געשטאנען אקסל צו אקסל פונעם חבר. די גרופע'ס זענען געווען אויסגעשטעלט ווי ציגל (אזויווי די שירת האזינו



*אלכסנדר מוקדון גייט אין מלחמה*

אין די תורה). אזוי זענען געשטאנען צענדליגע - אויב נישט הונדערטע - גרופעס איינע נעבן די צווייטע, אין א הערליכע סדר. זיי האבן געהאט 12 פיסיגע שפיזן וועלכע איז געשטאנען מיטן שפיץ אין די הייער, דאס אלעס האט געבליטשקעט אין די פנימ'ער פון די משלחת הרבנים. נישט קיין וואונדער אז די מיליטער האט אפגעווישט די מיליטער פון דריוש ווי עס וואלט געווען א בעזעם וועלכע קערט אויף שמוץ.

אין שפיץ פון די מעכטיגע מיליטער איז געזיצן א יונגע מענטש אויף זיין ווייסע פערד, דער רייטער איז נישט געווען מער פון 23 יאר אלט! און ער האט אנגעפירט די גרעסטע מיליטער אין יענע תקופה. עס איז געווען זייער שווער צו גלייבן אז דער יונגע ראצער מיט די רויטע קורירלי האר איז טאקע 'דער' מעכטיגע קעניג וועלכע ווארפט א שרעק



***סטאטוע פון א העלדישער אלכסנדר מוקדון***

אויף אלע קעניגן, און ער איז דער באקאנטע "אלכסנדר מוקדון".

די היסטאריע באטיטלט אים אלס איינע פון די העלדישסטע און געוואגטסטע און גאר בראוו, און אן אויסערגעווענדליך קלוגע גענעראל, וועלכע האט געפירט זיין לאנד פון איין העלדישע נצחון צום צווייטן. אלכסנדר וועלכע האט ביז די 16 געלערנט ביי אריסטו, האט זיך ענדערש באטראכט אלס א וויסנשאפטלער און א געלערנטער וועלכע פארשפרייט העלעניזם אין די וועלט, ווי איידער אלס קאלט-בלוטיגער רוצח וועלכע נעמט איין דריי פערטל וועלט און זייט אן א חורבן.

*

"ווער זענען די?" האט אלכסנדר געפרעגט זיין סגן, בשעת ער ווייזט מיט די פינגער אויף די גרופע מענטשן וועלכע קומען אראפ די בארג אנגעטוהן איינגאנצן מיט ווייסע קליידער (בגדי כהונה). פארמניון, זיין סגן, האט אים געענטפערט: "דאס זענען די אידן, אונזערע אליארטע - די כשדים - בעטן רשות זיי צו הרג'ענען מיט זייערע שווערדן, זאל מיר דאס לאזן?".

"קיינער זאל זיך נישט דערוואגן זיי אנצורירן" - האט ער געשריגן מיט א פעסטקייט, בשעת ער באטראכט ווי די גרופע אידן קומען אראפ די בארג לאנגזאם. א טויט שטילקייט איז געפאלן אויף די גאנצע מוקדונ'ישע מיליטער, אזוי אויך האט די גרופע אידן געשפאנט מיט א טויט שטילקייט. אזוי זענען די צוויי גרופע'ס געקומען איינער נענטער צום צווייטן. די היסטאריע האט אויך אפגעשטעלט זיין אטעם, דאס איז געווען די רגע וואס די צוויי פארקערטע ציוויליזאציעס זענען זיך צוזאמגעקומען.

דאן, ווען יעדנ'ס אטעם איז געווען פארכאפט צו זעהן, ווי אזוי אלכסנדר וועט רעאגירן צו די אידנ'ס צוריקווייזן שטיצע ווען ער האט דאס געדארפט, האט פאסירט דאס אומגלויבליכע. אלכסנדר איז אראפ פון זיין פערד, און האט זיך געביקט מלוא קומתו פארן אידישן פירער. די וואונדער האט מען געקענט זעהן אין יעדנ'ס אויגן, קיינער האט נישט געקענט פארשטעלן וואס אזאנס האט דא פאסירט, יעדער איז געווען זיכער אז ער שלאפט יעצט אין א טיפן זיסן שלאף און וועט זיך אויפוועקן אין א מינוט. די טויזענטער בראווע סאלדאטן האבן גוט געקענט זייער שטייפער און שטאלצער פירער, זיי האבן געוואוסט אז קיינמאל, אבער קיינמאל, האט ער נישט געוויזן קיין טראפ כבוד פאר אן אנדערער פירער, ווער רעדט נאך פון זיך א נייג טוהן פאר א פרעמדן קעניג, און דא



***די באקאנטע מצבה פון אלכסנדר מוקדון, געפונט זיך היינט אין די אינסטאנבול מוזעאום***

ביקט ער זיך פאר א פירער וועלכע האט צוריקגעוויזן זיין בקשה פאר הילף אין צייט פון נויט???

נאר פארמניון, זיין רעכטע האנט, האט גענומען די קוראזש צו פרעגן: "אדוני המלך, וואס איז פשט פאר'ן זיך ביקן פאר'ן אידישן כהן גדול, בשעת יעדער איינער ביקט זיך צו דיר?".

"ער איז נישט א סתם א מענטש" - האט אלכסנדר געזאגט מיט א יראת הכבוד אין זיין שטימע, "די געשטאלט פון דעם כהן גדול, באגלייט מיך אין יעדע מלחמה וואס איך האב נאר געוואונען".

אזוי האט זיך גע'ענדיגט איין תקופה, און א נייע תקופה האט זיך אנגעהויבן אויפן וועלט. די יונ'ישע צייטן האבן זיך אנגעהויבן.

*

דאס ארויפגיין פון אלכסנדר אויף די בימה פון אלטוועלטליכע פירער און גלעצענדע מלחמה קעפ, ווייזט אויף די נייע תקופה וואס האט זיך דאן אנגעהויבן אויפן וועלט, א נייע ווינט האט אנגעהויבן צו בלאזן, און די וועלט נאך דעם וועט קיינמאל נישט זיין די זעלבע ווי פאר דעם. עס האט זיך געענדיגט די תקופה פון די גרויסע אימפעריעס פון מזרח, ווי אשור, בבל, און פרס. פון יעצט און ווייטער האט די מערב טייל פונעם וועלט אנגעהויבן צו הערשן. קודם איז געווען יוון, דערנאך איז געווען רום (וועלכע האט אויך זיך געהאדעוועט אויף די יונ'ישע וויגעלע).

נישט נאר א פיזישע טויש איז געקומען אויפן וועלט, נאר אויך א גייסטישע טויש איז געקומען. אלכסנדר האט זיך נישט באטראכט ווי א לאנד גייציגע פירער, וועלכע וויל פשוט שפירן די כוח פון פירן די גאנצע וועלט און זיין דער מושל בכיפה. ער האט זיך

באטראכט ווי איינער וועלכע קומט באפרייען די וועלט פון זייער צוריקגעשטאנענקייט, און זיי אריינברענגען צו העלעניזם און יוונ'ישע חכמה. ער האט עס געשפירט פאר א שליחות, און זיין הצלחה איז געווען פילפאכיג גרעסער פון וואס ער האט נאר אמאל גע'חלומ'ט. די גאנצע ציוויליזאציע אין די מערב וועלט שטאמט פון העלעניזם.

אלכסנדר מוקדון האט זוכה געווען צו גאנצע מאמרים אין חז"ל, וועלכע איז עוסק אין אים און אין זיין מהלך המחשבה. א גאנצע דף אין גמרא איז עוסק אין אים (מסכת תמיד דף לב). זיך צו באקענען מיט זיין לעבן קען אונז געבן א בעסערע פארשטאנד אין די מאמרים, און אין אנדערע מאמרי חז"ל וועלכע זענען עוסק אין אים.

*

אלכסנדר איז געבוירן אין א שטאט מיט'ן נאמען פלה, די הויפטשטאט פון מאקעדאניע אינעם יאר ג' אלפים ת"ד (356 פאר די גוי'אישע יארגאנג). מאקעדאניע איז א לאנד פול מיט בערג צפון פון יוון, און אין די אויגן פון די יוונים איז עס געווען א צוריקגעשטאנענע און צוריקגעבליבענע געגנט, וואס די איינוואוינער זענען געווען היבש בארבאריש געשטימט. וואס איז אינטערעסאנט איז, אז דווקא די געגנט האט אזוי פארשפרייט די יוונ'ישע חכמה אין די וועלט.

אלכסנדר'ס טאטע, פיליפ דער צווייטער, האט געמאכט די ערשטע שריט צו פארשפרייטן חכמה אין די וועלט, ווען ער האט איינגענומען גאנץ יוון, און געמאכט אן ענדע צו די לאנג-יעריגע בלוט סכסוכים אין וועלכע די שבטים דארטן זענען געווען פארמישט, און ער האט פאראייניגט דעם גאנצן פאלק אז זיי זאלן קענען אפשלאגן די פרסיים.

ווען פיליפ איז דער'הרג'עט געווארן



***אלכסנדר'ס טאטע, פיליפ דער צווייטער***



***אלכסנדר מוקדון אויף מוזעאיק שטיינער***



דורך זיין לייב וועכטער, האט דער יונגער אלכסנדר וועלכע איז בסך הכל געווען 21 יאר אלט, גענומען די לייצעס אין האנט אריין, און האט זיך באטיטלט אלס קעניג פון מוקדוניה. נאכדעם וואס ער האט שטארק באזעצט דארט זיין קעניגרייך - נאכן אפשלאגן עטליכע ווידערשטענדלער, האט ער איינגענומען גאנץ יוון. זומער פון יאר תכ"ו האט ער דעקלערט קריג אויף די פרס'ישע קעניגרייך און האט איינגעפירט די סאלאמי שיטה, דאס הייסט איינגענומען לאנד נאך לאנד און עס אפגעריסן פונעם פרס'ישן קעניגרייך, אבער ער האט קודם זיכער געמאכט אז ער האט פולע קאנטראל אויף יענע לאנד איידער ער איז אריין אינעם נעקסטן לאנד.



**_דער קעניג דריוש_**

דריוש דער דריטער איז געווען שאקירט פונעם יונגן קעניג וועלכע דערוואגט זיך צו פארמעסטן מיט זיין מעכטיגע מיליטער. דריוש'ס מיליטער איז געווען די שטערקסטע וואס א לאנד האט זיך דעמאלס געקענט ערלויבן. ער האט געוועלטיגט אויף גאנץ אזיע און אפריקע, זיין מיליטער איז געווען א צוזאמשטעל פון 24 לענדער וועלכע האבן געשיקט זייערע יונגן צום פרס'ישן מיליטער. די מיליטער איז געווען אויסגעשטאט מיט די בעסטע וואפן, די שטערקסטע פערד און רייט-וואגאנען, און בעסטע רייטער. געלט האט ממש נישט געפעלט פאר די פרס'ישע מלוכה, צו קענען ערצייגן דאס בעסטע וואפן וואס זיי האבן נאר געוואלט. דאס איז א שטייגער ווי א קליין אפריקאנישע לענדל זאל דערקלערן קריג אויפן יו. ען. און אירע מיטגלידער.



**_דער מקום קבורה פון דריוש_**

וואס דריווש האט נישט איינגעזעהן איז געווען עטליכע פאקטן:

- די געוואלדיגע קוראזש מיט וואס אלכסנדר איז באשאנקן געווארן.

- זיינע גלענצענדע מלחמה טאקטיקן.

- די מאטיוואציע וועלכע אלכסנדר האט אריינגעלייגט אין זיינע זעלנער, ער פלעגט האלטן א דרשה פאר אלע זעלנער פאר יעדע קריג, און ער האט אריינגעבלאזן כח און ענערגיע אין זיי. ער פלעגט נאך יעדע קריג ארומגיין צווישן די פארוואונדעטע סאלדאטן, און מחזק זיין, און זעהן וויאזוי ער קען לינדערן זייערע שמערצן.

- ער פלעגט נישט זיצן אין א פאלאץ אין שיקן ארדער'ס. ער פלעגט זיך משתתף זיין כאחד הילדים בתוך המחנה, און לייגן זיין לעבן אין א סכנה פונקט ווי די אנדערע סאלדאטן, א זאך וועלכער איז געווען זייער אויפפאלנד בימים ההם.

- פאר די משפחה פון א גע'הרג'עטע סאלדאט, פלעגט ער שיקן א פטור פון צאלן די שטייערן.

- די אויסגעצייכנטע סאלדאטן פלעגן באקומען מעדאלן (ער איז געווען דער ערשטער וועלכע האט דאס איינגעפירט).

- די אויסגעצייכנטע סאלדאטן פלעגן באקומען אן אויסגעצאלטע וואקאציע, אין וועלכע לאנד זיי האבן אויסגעוועלט (אויב עס איז געווען אונטער זיין קעניגרייך).

זיין חכמה און פקחות און שכל הישר איז געווען להפליא. לדוגמא: ווען ער איז אריבער די דארדאנעלעס, איז אים אנטקעגן געקומען די הערשער פון יענע ראיאן מיטן באקאנטן Gordian Knot, וועלכע די וועלט האט דאן געגלייבט אז ווער עס וועט קענען עפענען די שווער פארקניפטע קניפ וועט איינעמען גאנץ אזיע. אלכסנדר האט זיך נישט פארלוירן, און ער האט ארויסגענומען זיין שווערד און צושניטן די קניפ אין צוויי....

*




די וועלט פארציילט (איך קען נישט טרעפן דעם מקור), אז ווען אלכסנדר איז געווען אין ארץ ישראל, האט ער געוואלט זעהן ווי אזוי די דיני תורה גייט צו, האט ער זיך געזעצט איין טאג ביי א דין תורה. זעהט ער ווי עס קומען צוויי בעלי דינים און הייבן אן אראפצולייגן זייערע טענות. ראובן זאגט: איך האב געקויפט א פעלד פון שמעון, ווען איך האב זיך גענומען צו גראבן האב איך געטראפן אן אוצר, איך האב געקויפט די פעלד און נישט די אוצר, די אוצר געהערט צו שמעון.

שמעון האט געזאגט: איך האב פארקויפט די פעלד און אלעס וואס עס איז אינעווייניג. במילא געהערט די אוצר פאר ראובן.

האט בי"ד גע'פסק'נט, אז אזוי ווי ראובן האט א טאכטער און שמעון האט א זוהן אין די יארן, זאלן זיךביידע משדך זיין און די געלט גיין




*די מלוכה פון אלכסנדר מוקדון און זיינע מלחמות*

צו די פארפאלק. האט דער ראש בי"ד געפרעגט פאר אלכסנדר, ווי אזוי וואלט אדוני המלך גע'פסק'נט? האט אים אלכסנדר געזאגט: איך וואלט גענומען א שווערד און ביידן גע'הרג'עט, און גענומען די געלט פאר די אוצר המלך.

פון ווען איך האב געהערט די מעשה האב איך זיך אייביג געוואונדערט, אלכסנדר איז דאך געווען באקאנט פאר א פארגעשריטענע מענטש און פארשפרייטער פון העלעניזם. וואס איז פשט פון זיי ביידע הרג'ענען? זיי דארפן דאך ווערן באלוינט פאר זייערע אויסערגעווענליכע בין אדם לחבירו. זיי הרג'ענען? פארוואס? פאר ווען?

נאר איך בין געקומען צום מסקנא, אז די הסבר איז זייער פשוט: די וועלט קען נישט האבן קיין קיום אן קיין תאוות הממון. שטעלט ענק פאר אז מר. פארקאש גייט באשליסן אז ער האט שוין גענוג געלט און ער גייט פארמאכן JJ און מהדרין, ווייל ער האט שוין גענוג געלט. דער בעה"ב פון פראנצויז בעקעריי און אלע אנדערע בעקערייען גייען באשליסן אז זיי האבן שוין גענוג געלט צו לעבן דאס יאר בהרחבה גדולה, און זיי גייען פארמאכן זייער ביזנעס ביז די געלט גייט זיך אויסנוצן. און אזוי ווייטער G&G און GB. די וועלט וועט אונטערגיין אויב וועט זיך עס אנכאפן פון מעכל צו רעכל. דער אייבערשטער האט געמאכט א תאוות הממון, אזוי אז יעדער דארף מער און מער געלט, עפנט מען אויף מער און מער פאבריקן וכו'. דו"ק ותשכח.

אלכסנדר האט זיך געכאפט אז די מענטשן האבן נישט קיין תאוות הממון, און אויב וועט דאס ארויסגיין אויפן גאס, וועט ווערן א חורבן איום ונורא, מענטשן וועלן דאס וועלן נאכמאכן און עס ווערן די נייע חינוך סטייל. ער



דער אריינגאנג

*אין יאר 2012 האבן ארכעאלאגן געטראפן א ריזיגן קבר די "קאסטא טאמב", בפשטות פון אלכסנדר מוקדון אדער א נאנטע משפחה*

האט געזאגט אז ער וועט אפהאקן זייער קאפ, אזוי וועט עס זיך נישט פארשפרייטן ווייטער.

*

על כל פנים, די פרקי דרבי אליעזר (פ"י) שרייבט: "אלכסנדר מוקדון וועלכע האט געקעניגט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן איז נאך נישט געווען צופרידן, ער האט געוואלט וויסן פונקטליך וואס עס גייט פאר אין הימל און אונטער די ערד, ער האט אפילו געוואלט ארויפגיין אין הימל צו קענען זעהן מיט זיינע אייגענע אויגן וואס עס טוט זיך דארט, און וואס עס טוט זיך אונטער די ערד. ער איז קיינמאל נישט געווען צופרידן מיט וואס ער האט געזעהן און איינגענעמען, נאר ער האט אייביג געוואלט גיין מער און מער צום עק וועלט".

דאס קומט נישט פון פשוט מאכט-גייציגקייט, דאס איז געקומען פון זיין מורא'דיגע נייגעריגקייט וואס ער האט פארמאגט. עס איז נישט געווען קיין זאך וועלכע האט געקענט שטילן זיין נייגער און פארש. ער האט דאס געמאנט פון זיינע סאלדאטן, ער האט געוואלט האבן א קלוגע און זייער נייגעריגע ארמיי, ווייל ער האט געהאלטן אז עס איז נישט דא א גרעסערע כח פון נייגער, וועלכע קען טרייבן א מענטש צו טוהן דאס אומגלויבליכע און אוממעגליכע.

דאס האט אים זייער באליבט ביי זיינע סאלדאטן און עס האט זיי געמאכט שפירן ווי "א זאך", און נישט עפעס סתם א סאלדאט וועלכע קריגט פאר זיין קעניג פאר גארנישט און פארנישט.

דאס אלעס האט דריווש זיך פארעכנט, און דאס האט אים געקאסט זיין מלוכה, ווען אלכנסדר איז געווארן די קומענדיגע גרויסמאכט אויפן וועלט. ■

-------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען **'ממי_שאמרו'** אויפן פאפולערן **'קאווע שטיבל'** וועבזייטל.

# וואס ווייסן דען די ווייסנשאפטלער?



## ארייינפיר

ווען מ'לייגט
איבער וויסנשאפטליכע טעמעס
אדער מ'הערט פון וויסנשאפטליכע שטודיעס קומט אפט ארויף די פראגע. וואס איז די מעטאד וואס וויסנשאפטלער נוצן כדי צוצוקומען צו זייערע מסקנות? צו בויען זיי עס אויף סברות כרסיות, אדער צו האט עס עפעס א מעטאד, א

סיסטעם,
וועלכע
זיי פאלגן
נאך? די אמת איז
אז וויסנשאפט (דהיינו, סייענס-science) איז א סיסטעמאטישע און לאגישע צוגאנג צו אנטדעקן וויאזוי זאכן אינעם יקום ארבעטן. די ווארט סייענס קומט פונעם לאטייניש "סיענשע"- scientia וועלכע מיינט: וויסנשאפט, knowledge.

צו פארשטיין די וויסנשאפטליכע מעטאד, מוז מען קודם פארשטיין וואס איז געווען ביז מען איז אויפגעקומען מיט די מעטאד. אבער לאמיר דא שרייבן בלויז איבער דעם מעטאד זעלבסט און נישט איר היסטאריע אדער די היסטאריע פון וויסנשאפט בכלל. נאך א נקודה וואס מ'מוז מקדים זיין איז, אז עס איז נישטא למעשה א קלארע מעטאד וועלכע יעדע סייענטיסט אין די וועלט פאלגט נאך, נאר עס איז מער א כלליות'דיגע פרעימווארק לויט וועלכע מ'מעסט סייענטיפישע טעאריעס. פארשטייט זיך אז אין סייענס גופא איז אויך דא דרגות פון בעסערע טעאריעס און שוואכערע טעאריעס, אבער אויף די כלליות'דיגע מעטאד איז דא א הסכמה פון א יעדן סייענטיסט באשר הוא שם.



לאמיך אביסל מער מאריך זיין אויף דעם נקודה.

אנדערש ווי די "ארטס" (ארטס זענען די נישט-סייענטיפישע זאכן וועלכע ווערן שטודירט אקאדעמיש, א שטייגער ווי היסטאריע, מעלערייען, ארכיטעקטור, טאנץ וכדו'), צילט וויסנשאפט צו רעזולטאטן וועלכע מ'קען מעסטן דורך טעסטן און אנאליזירן. וויסנשאפט איז באזירט אויף פאקטן, נישט אויף שיטות און דעות. די פראצעס פון וויסנשאפט איז אזוי אויסגעארבעט אז עס טשאלנדזשט געדאנקען און טעאריעס דורך פארשונגען. וויסנשאפט'ס אויפגאבע איז נישט איבערצווייזן וויסנשאפטליכע טעאריעס, נאר צו אויסשליסן נישט אמת'ע הסברים, ווי לאנג מ'קומט צו צו א לאגישע מסקנא און הסבר.

## "הארטע סייענס" און "ווייכע סייענס"

סייענס ווערט אפט צעטיילט אין צוויי, "הארטע סייענס" און "ווייכע סייענס". הארטע סייענס זענען די דיסציפלינען (דאס מיינט, מקצועות אין סייענס) וועלכע זענען פעסט און באגרינדעט. ווייכע סייענס זענען די דיסציפלינען וועלכע זענען אביסל שוואכער און נישט אזוי שטארק באגרינדעט.

די נאטורליכע סייענסעס (אסטראנאמיע, ביאלאגיע, כעמיע, פיזיקס, וכדומה) זענען אלע הארטע סייענסעס. די סייענסעס זענען הארט וויבאלד "עס איז שייך צו פארמירן פרעדיקציעס וועלכע מ'קען נאכדעם טעסטן, עס איז שייך צו מאכן פיזישע קאנטראלירטע עקספערימענטן, זיי פארלאזן זיך אויף דאטע וואס קען געציילט ווערן אויף מאטעמאטישע מאדעלן, און זיי

פארמאגן א הויכן דעגרי פון פונקטליכקייט און אביעקטיוויטעט" (וויקיפעדיע). אין אנדערע ווערטער, די סייענסעס זענען געבויט אויף פאקטן, נישט השערות בעלמא, און די פאקטן קענען געטעסט ווערן אין א לעבארטאריע נאכאמאל און נאכאמאל און די טעסטס וועלן אלץ באקומען די זעלבע רעזולטאט.

די סאציאלע סייענסעס (אנטראפאלאגיע, ארכעאלאגיע, עקענאמיע, היסטאריע, לינגוויסטיקס, פסיכאלאגיע, סאציאלאגיע, וכדומה) זענען אלע ווייכע סייענסעס. די סייענסעס שטודירן נישט קיין הארטע מאטעריאלן וועלכע ס'שייך צו טעסטן אין א לעבארטאריע, ביי די דיסציפלינען מוז מען צוקומען צו השערות, סברות, סטאטיסטיקס, סורוועיס, וכדומה. פארשטייט זיך אז דאס מיינט נישט אז מען קען זיך נישט פארלאזן אויף די סייענסעס. למעשה ארבעטן אויך די סייענסעס אויף דעם אופן אז מען מאכט א היפאטעזע, מען זאגט פאראויס געוויסע רעזולטאטן וועלכע דארפן אויסקומען לויט דעם היפאטעזע, און דערנאך "טעסט" מען דעם היפאטעזע דורכן איבערמאכן די סורוועיס אויף אנדערע מענטש אדער אין אנדערע אומשטאנדן.

דערפאר איז עס טאקע אזוי אז די סייענטיסטן וועלכע שטודירן ווייכע סייענסעס ווערן אראפגעקוקט דורך די סייענטיסטן וועלכע זענען עוסק אין הארטע סייענסעס, וויבאלד זיי האלטן אז דאס איז נישט די ריכטיגע סחורה. עס גייט עד כדי כך אז אסאך "הארטע" וויסנשאפטלער באשולדיגן פסיכאלאגיע אז עס איז בכלל נישט קיין סייענס. די סיבה איז וויבאלד איינע פון די וויכטיגע יסודות אין די סייענטיפישע מעטאד איז אז די היפאטעזע דארף זיין "פאלציפיבאר". דאס מיינט, אז עס דארף זיין א וועג אויפצואוויזן אז די טעאריע איז נישט אמת. ווי ערקלערט שפעטער, איז סייענס נישט געשטעלט אויפצואווייזן א טעאריע אלץ אמת, נאר אפצופרעגן נישט ריכטיגע טעאריעס. א טעאריע וואס קען נישט ווערן אפגעפרעגט איז אויטאמאטיש נישט סייענטיפיש. (דאס איז די סיבה סייענטיסטן וועלן קיינמאל נישט זאגן אז גאט איז דער אורזאך פאר א נאטורליכע פענאמענאן, וויבאלד צו זאגן אז דער אויבערשטער טוט עפעס איז נישט פאלציפיבאר. מען קען עס נישט אפפרעגן. עס איז נישטא קיין שום טעסט וואס אויב מען וועט עס דורכפירן וועלן מעגליך זיין רעזולטאטן וועלכע זאלן אפפרעגן דעם א.ג. "גאט היפאטעזע". דערפאר איז עס נישט סייענטיפיש, און דערפאר דארף א סייענטיסט זוכן אנדערע הסברים וועלכע קענען יא אויפגעוויזן ווערן צו זיין פאלש. דאס מיינט נישט אז דער סייענטיסט גלייבט נישט אין באשעפער. ס'זייער מעגליך אז ער גלייבט, אבער "סייענטיפיש" איז עס נישט). פסיכאלאגיע האט למעשה גאנץ א שיינע פאר טעאריעס וועלכע קענען בכלל נישט אויפגעוויזן ווערן אלץ פאלש דורך קיין שום טעסט (א דוגמא איז פרויד'ס פסיכאנאליטישע טעאריע, ואכמ"ל).

יעצט ווען איינער פרעגט, אז ווען מ'מאכט א שטודיע איז עס געווענליך נאר 90% איינשטימיג מיט די טעאריע, און וויאזוי ארבעט עס אויב די אנדערע 10% שטימען בכלל נישט מיט דעם טעאריע. איז די תירוץ, אז ס'ווענדט זיך פון וועלכע סייענס מען רעדט.






אויב רעדט מען פון מאטעמאטיק (וועלכע - אינאיינעם מיט פיזיקס - ווערט באטראכט ווי די הארטסטע סייענס) דאן דארף די טעאריע שטימען 100%. אויב שטימט עס נישט מיט איין פראצענט איז עס נישט ריכטיג.

אבער אויב רעדט מען פון ביאלאגיע דאן קען מען ערלויבן פיצינקע סטאטיסטישע אפנויגונגען פון די טעאריע/היפאטעזע, וויבאלד סיי ווי זענען אלע ביאלאגישע ספּישיס (דאס הייסט מינים) אנדערש איינע פון צווייטן מיט קליינטשיגע מינדערוויכטיגע חילוקים.

ווידעראום אויב מען רעדט פון פסיכאלאגיע, דאן דארף מען נעמען יעדע טעאריע מיט אביסעלע זאלץ. פסיכאלאגיע באנעמט זיך נישט מיט אבסטראקטע מושגים, ווי מאטעמאטיק און טעארעטישע פיזיקס באנעמען זיך. עס באנעמט זיך נישט מיט דוממים, ווי פיזיקס און כעמיע באנעמען זיך. עס באנעמט זיך נישט מיט צמחים און חיות, ווי ביאלאגיע און גענעטיקס באנעמען זיך. עס באנעמט זיך מיט די קאמפליצירסטע באשעפעניש וואס איז שייך: מענטשן. עס איז זייער זייער שווער - אויב נישט אוממעגליך - צו מעסטן מענטשען'ס געפילן, מחשבות און אימפולסן. נאך מער, עס איז דא טויזענטע פאקטארן וועלכע קענען גורם זיין א התנהגות אין א מענטש. נישט לאנג צוריק האט א יונגער אנטראפאלאג באוויזן אויפצושאקלען די וועלט פון סאציאלע סייענס, מיטן אויפדעקן אז רוב מענטשן אין די וועלט זענען אנדערש ווי אמעריקאנע/אייראפעאישע מענטשן, און וויבאלד איבער 90% שטודיעס און סאציאלע סייענס זענען באזירט אויף אמעריקאנע און אייראפישע מענטשן, מיינט דאס אז איבער 90% פון סאציאלע סייענס איז מעגליך אומריכטיג (אדער בעסער געזאגט, ריכטיג נאר אין אמעריקע)! אזא זאך וואלט קיינמאל נישט פאסירט אין, לאמיר זאגן, פיזיקס אדער גענעטיקס.

צוריק צום וועג פון אויפווייזן א וויסנשאפטליכע טעאריע.

## די וויסנשאפטליכע מעטאד
(The Scientific Method)

ווען וויסנשאפטלער טוען פארש ארבעט (research), קלויבן זיי געוועגדליך ראיות צו שטיצן אדער אפפרעגן א היפאטעזע (אין ענגליש, הייפאטיזיס-hypothesis). דאס הייסט, א הסבר וועלכע מ'שלאגט פאר צו ערקלערן די סיבה פון א נאטורליכע פענאמענאן. ווען זיי קלויבן ראיות, פאלגן זיי נאך די וויסנשאפטליכע מעטאד צו קלויבן ראיות וועלכע מ'קען מעסטן און טעסטן. די סיבה פארוואס זיי פאלגן נאך דעם מעטאדע איז, וויבאלד מענטשן זענען

מלא נגיעות כרימון. כדי צו מאכן זיכער אז די טעאריע איז נישט פרי יצירת הנגיעות, נאר איז באגרינדעט אין מציאות, דארף מען זען צו די מציאות שטימט מיטן טעאריע. דערפאר נוצט מען די סייענטיפישע מעטאד.

די וויסנשאפטליכע מעטאד איז בערך ווי פאלגנד:

1. מען מאכט אן אבזערוואציע אדער אבזערוואציעס. דהיינו, מען אבזערווירט א נאטורליכע פענאמענאן. סייענס איז געבויעט אויף נאטור. עס הייבט זיך דעריבער אן דורכן אבזערווירן נאטור. לדוגמא, אייזיק ניוטאן האט געשריבן אז ער איז אויפגעקומען מיט זיין טעאריע פון גראוויטי נאכן אבזערווירן אן עפל אראפפאלן פון בוים.

2. מען פרעגט שאלות איבער דעם אבזערוואציע. פארוואס איז עס אזוי, פון וואו קומט דאס, וואס האט דאס גורם געווען, צו קען מען דאס מונע זיין וכו'. ניוטאן, נאכן זען דעם עפל פאלן, האט ער אנגעהויבן פרעגן פארוואס איז עס אזוי? אויב איז עס וויבאלד עס איז דא א כח וואס ציט אראפ דעם עפל, דאן פארוואס פאלט די לבנה נישט אראפ?

3. מען פארמירט א היפאטעזע - א דעסקריפציע איבער וואס מען האט אבזערווירט, און א הסבר פארוואס עס איז אזויווי מען האט אבזערווירט. אין ניוטאן'ס קעיס האט ער פארמירט זיין טעאריע פון גראוויטי.

4. מען מאכט פרעדיקציעס געבויט אויף דעם היפאטעזע. דהיינו, לויט די הסבר וועט אויסקומען אזוי און אזוי. געבויט אויף ניוטאן'ס טעאריעס, האבן צוויי מאטעמאטיקער און אסטראנאמער פאראויסגעזאגט אז דער פלאנעט נופטאן עקזיסטירט.

5. מען טעסט דעם היפאטעזע און די פרעדיקציעס מיטן מאכן עקספערימענטן וועלכע מ'קען דערנאך רעפראדוצירן (איבערמאכן).

6. מען אנאליזירט די אינפארמאציע און מען ציט מסקנות. דערנאך נעמט מען אן, אדערווארפט מען אפ דעם היפאטעזע, אדער מ'מאדעפיצירט דעם היפאטעזע אויב ס'פעלט זיך אויס.

7. צום לעצט, מאכט מען איבער די עקספערימענטן אזויפיל מאל, ביז ווען עס איז מער נישט דא קיין שום סתירה צווישן די פאקטן (דהיינו, די רעזולטאטן פון די עקספערימענט) און די טעאריע.



דניאל מיט די לייבן אויסגעקריצט אויף שטיין



*נְבוּכַדְנֶצַּר אויסגעקריצט אויף שטיין*

יהויקים (וועלכער איז אויך געגאנגען אין גלות קיין בבל), אזוי ארום אז דער נייער יהודה'ישער קעניג צדקיהו האט זיך געטראפן אן קיינע ראטגעבער און קלוגע לייט וועלכע זאלן אים העלפן פירן דאס קעניגרייך. מיט א שוואכע קעניגרייך האט נבוכדנאצר זיך געשפירט פארזיכערט אז דאס אידיש פאלק וועט נישט מאכן קיין אויפשטאנד און דערקלערן זעלבסשטענדיגקייט.

ווילנדיג אויסנוצן די קלוגע אידן פאר זיינע אייגענע אינטערעסן, האט נבוכדנאצר באפוילן אז מ'זאל די אלע יוגנטליכע אנהייבן טרענירן וויאזוי צו זיין געניטע אריסטאקראטן און געלערנטע לייט. די אויפטו איז געווען אז נאכן ווערן טרענירט אין די בבל'ישע קולטור וועלן די אידן פארגעסן פון זייער אידישער פארגאנגענהייט, און אנשטאט פלאנירן אן אויפשטאנד וועלן זיי זיך איינגלידערן אין בבל אלס טייל פון די אריסטאקראטישע געמיינדע.

צווישן די קלוגע יוגנטליכע וועם נבוכדנאצר האט געפירט קיין בבל זענען ארויסגעשטאנען פיר בחורים מיט די נעמען דניאל, חנניה, מישאל און עזריה. זיי האבן געהאט אפגעמאכט ביי זיך אז וועלן זיך האלטן פעסט צו זייער רעליגיע. אין דניאל קאפיטל א' ווערט פארציילט וויאזוי זייער ערשטער נסיון איז געווען צו אנהייבן עסן נישט כשר'ע עסן. אלס א חלק פון דעם פראגראם וואס די יוגנטליכע זענען דורך, זענען זיי געגעבן געווארן קרעפטיגע, נאראהאפטיגע מאלצייטן ווי עס פאסט פאר מיטגלידער פון די אריסטאקראטישע געמיינדע. די פיר אידן האבן געזאגט פאר זייער אויפזעער אז זיי ווילן נישט עסן די נישט כשר'ע עסן, נאר זיי ווילן לעבן אויף א פשוט'ע גרינס-באזירטע דיעטע. דער אויפזעער האט נישט מסכים געווען. ער האט צו

## די ערשטע רעקארדירטע וויסנשאפטליכע מעטאד געפונט זיך אין די תורה

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז די ערשטע רעקארדירטע פאל אין די היסטאריע ווי מיר זעען די וויסנשאפטליכע מעטאד אין באנוץ, איז אין... ספר דניאל! עס ארייינצולייגן אין היסטארישן פערספעקטיוו: אין יאר ג' קע"ד האט נבוכדנאצר, דער קעניג פון דעם מעכטיגן בבל'ישן אימפעריע, אינוואדירט יהודה. ער האט דאן גענומען - צווישן אנדערע - א גרופע פון קלוגע יוגנטליכע לייט קיין בבל, וואו ער האט געפלאנט זיי איינצוגלידערן אינעם קעניגליכן געמיינדע.

זיין מטרה דערמיט איז געווען אפצושוואכן די נייע קעניגרייך וועלכע האט איבערגענומען

זיי גע'טענה'ט: "ירא אני את אדני המלך אשר מנה את מאכלכם ואת משתיכם, אשר למה יראה את פניכם זעפים מן הילדים אשר כגילכם, וחייבתם את ראשי למלך? - איך האב מורא פארן קעניג וועלכער האט באשטימט ענקערע דיעטע'ס. אויב כ'וועל ענק פאלגן וועט ער דאך נאך א קורצע צייט זען אז איר זעט אויס שוואכער ווי די אנדערע יוגנטליכע וואס זענען אין ענקער יארגאנג, און דאס קען מיר קאסטן מיין לעבן!".

דניאל איז דאן אויפגעקומען מיט א וואזשנעם פלאן. "הער צו", האט ער געזאגט צום סארווירער. "לאמיר מאכן א טעסט פון צען טעג. במשך די צען טעג וועסטו אונז גיבן נאר געוואוקסן און וואסער, און נישט וויין מיט פלייש. נאך די צען טעג וועסטו קוקן צו ס'דא א חילוק צווישן אונז און די אנדערע יוגנטליכע". דער סארווירער האט מסכים געווען צום פלאן, און דאס האבן זיי טאקע געטון. פאר צען טעג האט ער זיי געברענגט בלויז גרינס און וואסער, און די טייערע עסנווארג האט ער גענומען פאר זיך. נאך צען טעג, ווען מ'האט פארגליכן די אויסזען פון דניאל, חנניה, מישאל און עזריה, מיט די אויסזען פון די אנדערע יוגנטליכע, האט זיך ארויסגעשטעלט אז נישט נאר האט די עסן נישט געהאט קיין שלעכטע השפעה אויף די פיר, נאר פארקערט גאר, זיי האבן נאך אויסגעזען געזונטער ווי אלע אנדערע!

מיר האבן דא - צום ערשטן מאל אין די רעקארדירטע היסטאריע - אלע קלאסישע עלעמענטן פון וואס ווערט היינט אנגערופן "די ווייסנשאפטליכע מעטאדע". עס הייבט זיך אן מיט א היפאטעזע. דער אויפזעער האט געטענה'ט אז א דיעטע פון גרינסן וועט זיי מאכן אויסזען שוואכער, דניאל פארמירט אבער א היפאטעזע אז זיי וועלן אויסזען פונקט אזוי געזונט ווי די וואס עסן דעם קעניגליכן דיעטע. דניאל מאכט א פרעדיקציע, באזירט אויף דעם היפאטעזע, אז נאך צען טעג עסן גרינס, וועט מען נישט אנזען קיין חילוק צווישן זיי און די אנדערע. מען מאכט א טעסט פון צען טעג און מען אבזערווירט די רעזולטאטן. די רעזולטאטן ווייזן אז גרינס איז מעגליך נאך געזונטער ווי די קעניגליכע מאלצייטן. אין רעזולטאט, טוט דער סארווירער אננעמען דניאל'ס היפאטעזע אז גרינס איז פונקט אזוי געזונט, און פון דענסמאל אן גיבט ער זיי צו עסן נאר גרינס.

עס קען מעגליך אויסקוקן גאר פשוט צו אונזערע אויגן, אבער בימיהם איז דאס געווען א גרויסע חידוש.

למעשה איז דניאל'ס באנוץ פונעם ווייסנשאפטליכן מעטאד געווען היבש "פרימיטיוו" פונעם היינטיגן ווייסנשאפטליכן שטאנדפונקט. היינט זענען דא אפאר תנאים וואס מ'מוז נאכקומען, כדי עס זאל הייסן סייענס.



*א סייענטיסט ביים דורכפירן א כעמישע טעסט*



*האדמו"ר מניקלשבורג שליט"א*
*ביים עפל ווארפן*

## וויאזוי ווערט היינט אדורכגעפירט די וויסנשאפטליכע מעטאד?

די היפאטעזע דארף זיין טעסטבאר (דהיינו עס זאל זיין שייך צו אויספירן טעסטס דאס נאכצופארשן און יעדער זאל קענען איבערמאכן דעם טעסט) און עס דארף זיין פאלציפירבאר (דהיינו, אז מ'זאל קענען אויפווייזן אז דאס איז פאלש). און אנדערע ווערטער, ווען מען קומט אויף מיט אן היפאטעזע מוז מען אויך אויפקומען מיט א טעסט וואס וועט אויספראבירן דעם היפאטעזע, און אויב די טעסט וועט דורכפאלן וועט די היפאטעזע זיין אפגעפרעגט. אויב קען מען נישט אויפקומען מיט אזא טעסט, דאן איז די היפאטעזע נישט סייענטיפיש. דאס מיינט אז וויבאלד מיר קענען עס נישט אפפרעגן, קענען מיר נישט וויסן צו עס איז טאקע אמת אדער נישט, און דערפאר האבן מיר גארנישט פון נוצן אזא היפאטעזע מסביר צו זיין די נאטור. מען דארף באטאנען אז דאס מיינט נישט אז אזא היפאטעזע איז נישט אמת. עס קען זיין אז דאס איז אמת, מיר קענען אבער נישט וויסן צו עס איז אמת.

א גוטער דוגמא צו דעם כלל איז א סגולה. לאמיר לדוגמא נעמען די סגולה פון כאפן עפל פון א רבי'ן שמחת תורה כדי צו ווערן א חתן. געווענליך קומט אויף אזא סארט סגולה אויף דעם פאלגענדן אופן. מען מאכט אן אבזערוואציע (מען זעט אז איינער, געווענליך אן אלטער בחור, וואס האט געכאפט אן עפל און ווערט א חתן אין די צייט נאך שמחת תורה). מען מאכט אן היפאטעזע אז כאפן אן עפל פועל'ט אז דער בחור זאל ווערן א חתן. איצטער דארפן מיר טעסטן דעם היפאטעזע. טעארעטיש גערעדט וואלט מען געקענט טעסטן דעם היפאטעזע די פאלגענדע וועג: מען קלויבט אויס אין א ראנדאם, בלינדן אופן, 100 בחורים פון 18 יאר און העכער. מען צעטיילט די 100 בחורים אין צוויי גרופעס. די 50 בחורים אין גרופע א' דארפן פרובירן צו כאפן אן עפל שמחת תורה. די אנדערע 50 אין גרופע ב' זאלן נישט כאפן, זיי זענען די קאנטראל גרופע.

[עס איז נאר דא א פראבלעם, נעמליך די חשש פון א פלאצעבא אפעקט-Placebo effect, דאס מיינט אז עפעס אן איינרעדעניש מאכט א מענטש טראכטן אז ער באקומט הילף אויף א געוויסע פראבלעם (פיזיש אדער גייסטיש), און נאר דאס טראכטן אליינס העלפט אים ארויסצוקריכן פונעם פראבלעם. ביי גייסטישע פראבלעמען ארבעט דאס זייער פשוט. ווען א מענטש איז דעפרעסט און מ'רעדט איין פאר זיין מח אז עס טאר מער נישט זיין דיפרעסט וויבאלד עס באקומט 'מעדעצין' וואס ערלויבט דאס נישט, וועט זיין מח אויפהערן פראדוצירן די כעמיקאלן וועלכע מאכן אים דיפרעסט (א גוטער דוגמא פארן באנוץ מיט פלאצעבא אפעקט, איז די מעשה פון יענער רבי' וועלכע האט געגעבן אליידיגע קמיע פאר א פרוי וועלכע איז משוגע געווארן, און האט איר געזאגט אז אויב ווען זי וועט עפענען די קמיע וועט עס זיין אויסגעמעקט, דאן זאל זי וויסן אז זי איז אויסגעהיילט. וכך הוה...). ביי פיזישע פראבלעמען איז די פלאצעבא אפעקט אביסל

מער קאמפליצירט, אבער עס איז גאנץ קלאר דאקומענטירט געווארן און סייענטיפקלי אויפגעוויזן געווארן אז עס עקזיסטירט און אז עס קען העלפן.

עכ"פ, כדי צו פארמיידן די פלאצעבא אפעקט אויף גרופע א', וועלן מיר שיקן גרופע ב' כאפן עפל פון עפעס א לץ, אויף אן אופן אז די בחורים וועלן זיך ערנסט איינרעדן אז זיי כאפן עפל פון א צדיק, אדער וועלן מיר זיי הייסן טון עפעס אן אנדערע "סגולה" וואס נאר מיר וועלן וויסן אז עס איז באמת נישט קיין סגולה, נאר פאר די בחורים וועלן מיר איינרעדן אז דאס איז א סגולה, אזוי אז אויב העלפט דא די פלאצעבא זאל עס אויך העלפן פאר גרופע ב'].

אויב איז די היפאטעזע אז כאפן אן עפל פועל'ט אויף שידוכים אמת, דאן דארף די פראצענט פון בחורים וואס ווערן חתנים אינעם קומענדיגן יאר זיין פיל העכער אין גרופע א' ווי גרופע ב'. פאר אונזער משל לאמיר אננעמען אז אין גרופע א' האבן 35 בחורים געכאפט און 15 בחורים נישט. אויב ווערן אין ביידע גרופעס 20 חתנים, דאן ווייזט זיך איבער אז די סגולה איז פאלש, ווייל וויבאלד עס איז דא אין גרופע א' 70 פראצענט וואס האבן געטון די סגולה, האבן די בחורים פון גרופע א' 70 פראצענט מער שאנסן צו ווערן חתנים, ווי די בחורים אין גרופע ב'. אפילו אויב גרופע א' וועט האבן 30 חתנים און גרופע ב' נאר 15, אבער 15 פון די 30 חתנים אין גרופע א' זענען בחורים וואס האבן נישט געכאפט עפל, דאן איז נאך אלץ איבערגעוויזן אז די סגולה איז פאלש. נאר אויב אין גרופע א' וועט זיין א העכערע נומער חתנים ווי אין גרופע ב', און רוב פון די חתנים וועלן זיין פון די וואס האבן געכאפט עפל (אדער אפילו אויב נישט רוב, נאר אין א ערנסט העכערן פראצענט מער פון די וואס האבן נישט געכאפט), נאר דאן וועלן מיר וויסן אז די סגולה העלפט טאקע.

דאס איז אלעס אבער טעארעטיש גערעדט. אין מציאות מיין איך, אז רוב מענטשן וואס גלייבן אין די עפל כאפן סגולה, וועלן שרייען אז די אלע בחורים פון גרופע א' וואלטן נישט געווארן חתנים ווען נישט זיי כאפן אן עפל, אבער פאר די בחורים פון גרופע ב' האט זיך טאקע נישט אויסגעפעלט די סגולה, ווייל זיי האבן געקענט ווערן חתנים אן הילף פון סגולות.

אבער אויב איז דאס טאקע ריכטיג, דאן איז די היפאטעזע מער נישט טעסטבאר, ווייל אפילו מ'וועט דורפירן דעם אויבנדערמאנטן טעסט, וועט נאך אלץ נישט ווערן איבערגעוויזן אז די היפאטעזע איז פאלש, און ווי געשריבן: א היפאטעזע וועלכע מ'קען נישט אויפווייזן אז עס איז פאלש איז נישט סייענטיפיש און מיר קענען עס נישט אננעמען.

***

ווען מ'שטודירט און מ'פארשט וויסנשאפט, דארף מען נוצן "דידאקטיוו ריזענינג", אמת'ע הנחות וועלכע פירן צו א מוכרח'דיגע מסקנא, און נישט "אינדאקטיוו ריזענינג". דידאקטיוו ריזענינג מיינט א לאגישער חשבון אין וועלכער די מסקנא איז מוכרח. א ביישפיל איז די פאלגענדע חשבון.

1. א מענטש לעבט נישט אויף אייביג.

2. דזשארדזש וואשינגטאן איז א מענטש.

**מסקנא:** דזשארדזש וואשינגטאן לעבט נישט אויף אייביג.

דאס הייסט, אז נאכדעם וואס מען האט אראפגעלייגט א הנחה אז א מענטש לעבט נישט אויף אייביג, און נאך אן הנחה אז דזשארדזש וואשינגטאן איז אין די קאטעגאריע פון מענטשן, איז מוכרח אז דזשארדזש וואשינגטאן לעבט נישט אויף אייביג. אינדאקטיוו ריזענינג, לעומת זה, איז א מסקנא וועלכע איז מסתבר אבער נישט מוכרח. לדוגמא:

1. א יעדע לעבעדיגע זאך וואס מיר ווייסן נאר דערפון דארף צוקומען צו וואסער עס זאל קענען לעבן.



**מסקנא:** א יעדע לעבעדיגע זאך דארף צוקומען צו וואסער עס זאל קענען לעבן.

עס איז טאקע שטארק מסתבר, אבער מוכרח איז עס נישט. עס קען דאך זיין עס זאל עקזעסטירן א לעבעדיגע זאך וואס דארף נישט צוקומען צו וואסער, און מיר זאלן נישט וויסן דערפון. און דערפאר קענען מיר נישט אראפלייגן א הנחה, אז יעדע לעבעדיגע זאך דארף וואסער צום לעבן. מיר קענען סך הכל זאגן, אז אלע לעבנס-פארמען וואס מיר ווייסן דארפן וואסער אויף צום לעבן.

***

אן עקספערימענט דארף האבן א "דיפענדענט ווערייעבל" (וועלכע טוישט זיך נישט) און אן "אינדיפענדענט ווערייעבל" (וועלכע טוישט זיך יא). און אונזער אויבנדערמאנטער ביישפיל פון די עפל ווארפן סגולה פאר שידוכים, איז די עפל ווארפן די אינדיפענדענט ווערייעבל, און די דיפענדענט ווערייעבל איז דאס ווערן א חתן.

אן עקספערימענט דארף האבן אן "עקספערימענטעל גרופע" און א "קאנטראל גרופע". די קאנטראל גרופע איז מיט וואס די עקספערימענטעל גרופע ווערט פארגליכן, צו זען צו ס'איז דא א חילוק. אין אונזער ביישפיל, איז גרופע א' וואס מ'שיקט כאפן עפל די עקספערימענטעל גרופע און גרופע ב' איז א קאנטראל גרופע. די קאנטראל גרופע וועט נישט כאפן עפל און די רעזולטאטן אין גרופע א' וועלן ווערן פארגליכן מיט די רעזולטאטן פון גרופע ב'.

די וויסנשאפטליכע מעטאד און וויסנשאפט בכלל קען זיין היבש קאמפליצירט און פרוסטרירנד. א טעאריע ווערט כמעט קיינמאל נישט אויפגעוויזן. עס בלייבט פשוט אלס גאר שטארק מסתבר, אבער נישט אלס פאקט. געציילטע טעאריעס ווערן יא "געזעצן", דהיינו, וויסנשאפטליכע געזעצן. א דוגמא פון א טעאריע וועלכע איז געווארן א געזעץ, איז די טעאריע פון גראוויטאציע (gravity), וועלכע ווערט היינט גערופן "די געזעץ פון גראוויטאציע". א דוגמא פון א טעאריע וועלכע איז פארבליבן א טעאריע, אבער ווערט פארערכנט אלס אמת, איז די טעאריע פון גערמס (germs).

איינמאל עפעס איז שוין א געזעץ מיינט דאס אז עס האט נישט קיין שום אויסנאם. אבער מיט דעם אלעם האט מען שוין געטוישט געוויסע דעטאלן פון סייענטיפישע געזעצן, ווען מען האט אנדעקט נייע פאקטן וועלכע האבן נישט געשטימט מיטן ביז איצטיגן געזעץ. דאס מיינט אבער נישט אז טעאריעס זענען גארנישט ווערד. כדי אן היפאטעזע זאל ווערן א טעאריע, דארף די היפאטעזע דורכגיין ערנסע טעסטס, געווענליך אזעלכע טעסטס וועלכע נעמען אריין אפאר וויסנשאפטליכע דיסציפלינען (א סייענטיפישע "מקצוע" הייסט א דיסציפלין), און וועלכע ווערן אויסגעפירט דורך באזונדערע גרופעס סייענטיסטן. זאגן אז עפעס איז "בלויז א טעאריע" איז אן "אמערצישער" אויסדרוק ווען עס קומט צו סייענס, ווייל אין סייענס איז א טעאריע עפעס וואס האט שטארקע הוכחות פון אבזערוואציעס און עקספערימענטן. ■

------

דער שרייבער פון די שורות, רופט זיך מיטן ניק נאמען **'יידל'** אויפן פאפולערן **'קאווע שטיבל'** וועבזייטל.

פרייליכע מעלדונג

# דער וועקער
עורו ישנים משנתכם

## יעצט צום קויפן אנליין!

גיי צו
**עמאזאן.קאם**
און זוך
**Der Veker**




80
אינהאלטספולע בלעטער

**Available in Color & B/W**

Color version is highly recommended.




**פאר מער אינפארמאציע שיקט אן אימעיל צו**
**info@derveker.com**

דער וועקער

עורו ישנים משנתכם

© All rights reserved

General comments info@derveker.com

Design comments picasso@derveker.com